קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 233 פרשת עקב · תשפ"ד

אשריכם אנשי חיל
געטרייע סאלדאטן

מיטן ברענגען די קאמפיין צו סוקסעס

ערשטמאליגע ארייינבליק אינעם טעגליכן אפעראציע פון קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב

געדאנקען: א זכות פאר די צוויי אידעלע נשמות

קרית ברסלב בלעטל

פרשת עקב תשפ״ד • 233

א געשעפט האב איך! 4

9 טראגעדיע פון צוויי אינגעלייט

ארייגבליק אין בית הדפוס 28

רעדאקטאר
אברהם הערש וועבערמאן

רעדאקציע
משה ארי׳ שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג

מגיה
אברהם יצחק אייזנער

ניקוד
יודא לייב ווייס

גראפיקס
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער

קינדער אפטיילונג
שמואל בער שניטצלער

מעלערס
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א״י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א״י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

אלץ און אלעמען	7
שטעטל נייעס	8
היכל הקודש נייעס	10
פנינים	12
מחשבה	44
קינדער בלעטל	49

זמנים
פרשת עקב כ׳ אב

הדלקת הנרות.. 07:27
מוצאי שבת...... 08:57

מנחה מעריב ראה.... 08:30

די תשב"ר וועלן ארויפגיין צו רבי מאיר בעל הנס זי"ע ערב שבת מברכים חודש אלול הבעל"ט זאגן שיר השירים לזכותי, בלויז מיט דעם וואס איך שטיץ מיין מוסדות על טהרת הקודש.

ווארט נישט אויף די גבאים'ס רוף. קום זיי אנטקעגן מיט אייער שטיצע.

347.466.2410

REBBIMEIR.ORG

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש

אלקא דמאיר ענני

dominogrp.com

צום פינטל

א געשעפט האב איך!

קענסט אים, דער שטייט שוין אזוי יאארן, עפעס... איך ווייס נישט פונקטליך וואס... דער איז נעבעך בארירט געווארן.

איך זוך א גוטער נאמען פאר דעם פארשוין, אפשר ר' משה ארי' וועט מיר אפירקראצן פון זיינע אוצרות, אפשר וועט ער מיר בארגן עפעס א נאמען... אדער וועט עס זיין להלכה ולא למעשה? נאא... ער ארבעט אזוי שווער אן א נאמען? שוין ונעמען אתה... דער אייבערשטער וועט שוין צושטעלן עפעס א נאמען.

איז דער, אהה... 'שרייקע', ויקרא שמו בישראל שרייקע. שרייקע שטייט שוין אזוי יארן נעבן ס'געשעפט, דער עלטער זיידע געדענקט נאך ווען שרייקע איז געשטאנען אזוי אלס יונגערמאן.

עפעס שטייט ער דארט און שרייט, דער שרייקע, מען דארף זיך גוט צוהערן צום אלטן שרייקע, וואס אזוינס ער שרייט, ער מאכט א טומל א געוואלד.

סתם אזוי ווייסט מען שוין נישט ווער דאס איז, וואס ער וויל און וואס ער שרייט, אבער די וואס פארשטייען ווייסן, זיי הערן, זיי האבן מקובל פון זייערע עלטערן, שרייקע שטייט דא ביים געשעפט יעדן טאג און ער שרייט "דאס איז נישט קיין געשעפט, מען פארקויפט דא גארנישט, די גאנצע זאך איז א סקעם, גייט נישט דא אריין, איך זאג אייך איר וועט אנטוישט ווערן."

אזוי גייט עס שוין פאר יארן מיטן זעלבן נוסח, עס איז נעבעך זייער ווייטאגליך, ווייל שרייקע קען נאר שרייען, ער קען נישט הערן, און וויפיל ס'וויל זיך אים מסביר'ן ווייסט ער נישט, קען ער נישט, ער האלט זיך ביי דאס זייניגע.

מענטשן קומען, מענטשן גייען מיט פילע וועגענער געפאקט מיט סחורה, אבער שרייקע וויל פון גארנישט וויסן, אלעס איז אונטערגעשטעלט, די אלע מענטשן וואס קומען און גייען דאס איז א חלק פונעם שפיל דא.

איז וואס איז טאקע די מעשה, דער שרייקע איז דאך נישט אינגאנצן משוגע, ער האלט זיך פעסט אז דאס איז נישט קיין געשעפט, מען פארקויפט דארט גארנישט, דאס איז נישט סתם אזוי, דאס איז א מעשה וואס ער האט נעבעך מיטגעמאכט אויף די אייגענע בארד.

אין יארע 1950, שרייקע איז א פרישער אויסגעביגלטער יונגערמאן, ער גייט איינקויפן, די וועלט איז זיינס, איך מיין... ער האט דאך יעצט חתונה געהאט, איר פארשטייט?! מען שטעלט זיך אפ אין יעדעס געשעפט, און מען קויפט איין. דא אין די עלעקטעראניק געשעפט האט שרייקע שוין באלד נאך די חתונה צוגעקויפט דאס ווייב א נייע בילדער מאכער. ער גייט אריין אינעם נייעם געשעפט, אבער ער קומט ארויס מיט ליידיגע הענט, אזוי חזר'ט זיך איבער טאג נאך טאג, שרייקע קום מיט א פרישקייט, ער גייט ברענגען דאס ווייב דאס טייערסטע קעמרע, אבער צו זיין ביטערע אנטוישונג גייט ער ארויס בפחי נפש.

שרייקע גייט אריין אין געשעפט, און ער לייגט אראפ אפאר דאלער, דער געשעפטסמאן קוקט אויף אים און ווייזט אים אויף שטים לשון א גרויסע ניין מיט א ניען, שרייקע כאפט נישט געהעריג וואס ער האט חוטא געווען אבער אויף צומארגנס פראבירט ער נאכאמאל, ער קומט אריין שוין מיט א גרעסערע סכום, אבער ווידער דער געשעפטסמאן ווייזט אים מיט אלע סיגנאלן א גרויסע ניין, אזוי חזר'ט זיך די ספעקטאקל איבער איינמאל,

צען מאל, צוואנציג מאל, און שרייקע איז ביי זיך מחליט אז דאס גאנצע געשעפט דא איז געבויט געווארן פשוט צו קריכן אויף זיינע געהירן, עס איז נישט דא קיין געשעפט, עס איז נישט דא קיין קעמרע, דער געשעפטסמאן איז א בלאפער, די גאנצע זאך איז א פשוט'ער סקעם.

זינט דאן שטייט שרייקע יעדן טאג ביים טיר פון געשעפט און מיט באנומענע קולות שרייט ער פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט: "גייט נישט דא אריין, דא פארקויפט מען גארנישט, דאס איז א בלאף, א ליגנט."

מענטשן קומען מענטשן גייען, דור הולך דור בא, ניטאמאל הערט מען וואס ער שרייט, אבער ער שטייט דער אלטער און שרייט.

יא, איר האט צוגעטראפן, שרייקע האט שוין געהאלטן אט אט ביים שליסן דאס געשעפט, אבער ער האט נישט געוואוסט דערפון, ער האט א געבורט פעלער, ער הערט נישט. וויפל מען האט אים פראבירט מסביר זיין אלע יארן, זענען די ווערטער געפאלן אויף טויבע אויערן.

שרייקע האט געוואלט פאר 10$ קויפן דאס בילדער אפאראט נישט קענענדיג פארשטיין פארוואס דער געשעפטסמאן וויל אים נישט פארקויפן. דאס קומענדיגע טאג האט ער געהעכערט, ער האט געברענגט א 20'ער, איר דארפט פארשטיין יענע צייטן וואס א צוואנציגער איז געווען. מען האט דאן געקויפט פאר אפאר פעניס א ברויט, א מילך, אייער, קעז און וואס נישט, די באן האט איר באקומען פאר אונטער א צענט... דאס איז שוין געווארן אין די שפעטערע יארן, נאך די ערשטע רעסעסיע, פארדעם פלעגט זאכן זיין אזוי ביליג מען האט צוגעצאלט פאר ווער עס איז געפארן מיטן באן... מענטשן פלעגן ארויסגיין פון גראסערי מיט א סירפלאס...

א צוואנציגער אין יענע צייטן... אבער דער געשעפטסמאן וויל פון גארנישט הערן

קומענדיגע טאג קומט ער מיט דרייסיג און דערנאך מיט פערציג און פופציג, ער האלט שוין ביי עטליכע ניינציג אבער זיין בקשה ווערט צוריקגעוויזן, ער גייט ארויס בפחי נפש און ווערט נעבעך אן אויסגעשפראכענער שונא פארן געשעפטסמאן.

דער אפאראט האט געקאסט ניין און ניינציג טאלער (א מין מטבע וואס מען האט געניצט איידער מען האט ערצייגט דעם דאלער) מיט ניין און ניינציג סענט.

היינט קומט ער שוין מיט זיין הוים אטענדעט, אין די טיפע עלטער, אזוי שטייט ער אנגעלאנט אויף זיין שטאק, איינגעבויגן ביז צו דער ערד, אינדרויסן זעט ער אויס צאמגעבראכן, אבער דער פרישקייט וואס ער האט, ממש ווי דער ערשטער טאג וואס ער האט אנגענומען דעם דזשאב, א שאד אז מען קען עס נישט פאטאגראפירן, ער האט דאך נישט קיין בילדער אפאראט... אבער איר מעגט מיר גלייבן, דאס שפילט זיך אפ

אזוי טאג איין טאג אויס, זומער, ווינטער, שנייען, רעגן.

איין פראבלעם איז געווען אלע יארן, קיין בית המדרש איז נישט געווען דארט אין געגנט, פלעגט ער קריכן צום בית המדרש און זיך צוריקשלעפן.

אבער דער פראבלעם איז אויך געלעזט געווארן, עס האט זיך נארוואס אריינגעצויגן א שיינער איד, און געעפנט א בית המדרש פונקט אקעגן איבער, שרייקע האט נישט געוואוסט צו דאס איז א אויסגעהאלטענעם בית המדרש, ווער ווייסט אולי אפשר פארקריכט ער פון די מסורה, אולי אפשר איז דאס א טעאריע קאנספיראציע, שרייקע איז זייער פארזיכטיג ער האט זיך שוין איינמאל אפגעבריט, ער נעמט נישט דעם שאנס נאכאמאל.

אבער דער מזל'דיגער טאג איז אנגעקומען, ווען שרייקע טרעפט זיך פנים בפנים מיט דעם שיינעם איד, ער קען נישט גלייבן, ער שטייט ממש קעגן איבער, און שרייט ממש די זעלבע ווערטער, ענדליך איינער פארשטייט מיך שוין, ענדליך איינער האלט פונקט ווי מיר.

אזוי שטייען ביידע, שרייקע שטייט פארנט פון געשעפט און שרייט: "דאס איז נישט קיין געשעפט, דא פארקויפט מען גארנישט, דאס איז א ליגנט, א שקר, א סקעם, להד"מ."

און דא קעגן איבער, קומט פאר יעדע פאר טעג א שיעור בטוב טעם ודעת, דער איד איז מסביר פאר זיינע מתפללים דער ענין פארוואס מען זעט אז היינטיגע צייטן ווערן די תפילות נישט אנגענומען, עפעס מיט א הסתר פנים... א גאנצע מעשה מיט א מסך המבדיל... פרעגן מיך נישט וויל איך ווייס אויך נישט וואס ער זאגט. און ווער ווייסט... צו ער ווייסט יא וואס ער זאגט..."

אבער דאס איז עס, דער שיינער איד וויפל מען פרובירט אים מסביר צו זיין

אז דאס וואס מען זעט אז תפילות ווערן נישט אנגענומען, דאס איז פשוט, ווייל דער אייבערשטער וויל הערן נאך, יעדע זאך האט א פרייז, א קעמרע וואס קאסט ניינדי ניין דאלער'ס און ניינדי ניין סעטנ'ס, קענסטו נישט קויפן פאר צען פאר צוואנציג פאר דרייסיג, און נישט פאר פופציג.

יעצט קענסטו דיך רעגן א גאנץ לעבן און שרייען עס איז נישט דא...

און איר קענט ווייטער שרייען איך האב געבעטן איינמאל איך האב געבעטן נאכאמאל, און א דריטע מאל און בְּלֹא זערא, מיט א גרויסן למ"ד.

יא אזוי שטייט דער אלטער שרייקע און שרייט מיר אריין אין אויער "הער אויף, בעט נישט, זעסט נישט אז תפילה איז א סקעם רח"ל, זעסט נישט אז די גאנצע זאך איז א רח"ל ח"ו, פארוואס בעטסטו נאך", שרייט דער אלטער נארישער קעניג, דער מלך זקן וכסיל.

משה רבינו האט געגאסן תפילות, קיין איין איינציגע תפילה איז נישט געגאנגען לאיבוד, ער האט שוין געהאלטן ביי 514 תפילות "אייבערשטער פליז לאז מיך אריינגיין אין ארץ ישראל" דא האט אים דער אייבערשטער געגעבן א שטעל אפ, "בעט נישט מער ווייל די פרייז פאר דיר צו אריינגיין אין ארץ ישראל איז 515 תפילות (כמנין ואתחנן יא? 400 + די 2 נונ'ס איז נאך הונדערט, און ח' 8 מיט ו' א' איז נאך זיבן איז 515) און איך וויל נישט דו זאלסט בעטן מער."

אבער ביי אונז איז די מעשה גאר דער היפוך, דער אייבערשטער לאזט בעטן, בעט נאכאמאל, דו ווייסט אז דו האלטס שוין ביי איינס פאר די לעצטע תפילה, דו האסט שוין געצאלט פאר דיין נחת, שלום בית, שמירת עיניים, שידוך, קינדער, יו נעם איט, דער אייבערשטער זאגט ווי העוו איט, אבער די פרייז פונעם פאטא אפאראט איז 99.99$ און פאר 98$ קען איך דיר עס נישט געבן.

איז נאך וואס הערסטו אויס שרייקע'ן, נאך וואס הערסטו אויס דעם שיינעם איד, נאך וואס הערסטו אויס די שלוחים פונעם אלטן אלטן, וואס דיינע זיידעס האבן אים נאך געהערט שרייען, נישט אומזיסט האט ער באקומען די נאמען 'שרייקע' דאס איז א פען נאמען, בעת ווען זיין אמת'ער נאמען איז בכלל נישט דאס, זיין נאמען איז 'יצר הרע'.

"תפילה העלפט נישט" זשאמט ער אריין אין אויער, "זעסט נישט אליין?"

ברוך השם מיר קומען ארויס יעדן טאג מיט געפאקטע וועגענער מכל טוב וטוב פונעם אייבערשטנ'ס געשעפט, ווייל מיר האבן די עצתו אמונה, די שיעורים, די האטליין וואס האלט אונז אין איין זאגן "נאך איין תפילה און מיר גייען אהיים, נאך איין בקשה און די וועלט איז דיין."

"טאטע העלף מיר, ווייל אלעס וואס איך דארף ליגט דאך ביי דיר, העלף מיר איך זאל געדענקען אז דו הערסט אויס מיינע תפילות, אויך ווען איך שריי, ווייל דער יצר הרע לאזט מיר נישט מנוחה, ער לעכערט מיינע אויערן מיט די 'זיידענע' ליצנות אז תפילה העלפט נישט, ראטעווע מיר פון אים הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל קיינמאל נישט אויפהערן בעטן."

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com

גרשון קרעמער

WD-40

שאלה

וויאזוי ארבעט WD-40, און וואס איז פשט פון די מאדנע נאמען?

ענטפער

די נאמען WD-40 שטייט פאר "Water Displacement, 40th formula." וואס מיינט "וואסער פארטרייבונג, פערציגסטע פארמולע", דער נאמען קומט פון דעם ווייל דאס איז געווען דער פערציגסטער פרואוו צו שאפן א פליסיגקייט וואס קען פארטרייבן וואסער און פארמיידן ראָסט און דזשאווער. דאס איז געווען אין יאר 1953 למספרם, ווען א קליינע פירמע אין סאן דיעגא, קאליפארניע האט פרובירט צו ערצייגן אזא פראדוקט, און אפילו זיי האבן שוין געהאלטן נאך 39 דורכפעלער, איז די פערציגסטע פארמולע געווען די אייציגסטע וואס האט געארבעט ווי עס דארף צו זיין. אזוי איז WD-40 געבוירן געווארן.

אנפאנג האט עס א געוויסע קאנטראקטער גענוצט, און עס האט פיין געארבעט, ער האט דאס געגעבן פאר אלע זיינע ארבעטערס על כל צרה שלא תבא.

שפעטער אין יאר 1958 למספרים, איז עס צום ערשטן מאל ארויף אויף די שעלווס צום פארקויפן ביי א סטאר אין קאליפארניע מיטן נאמען "ראקעט טשעמינעקל".

אזוי צוביסלעך שטייטלעך האט עס אנגעהויבן ארייננצוגיין אין אמעריקע מער און מער, ווי למשל אין יאר 1968 האט עס די מיליטער אנגעהויבן ניצן ביי די מלחמה אין וויטנאם.

הערשט שפעטער אין יאר 1971 האבן זיי אויך געעפנט א אפיס אין קאנאדא. צוויי יאר שפעטער זענען זיי אריין אין די סטאק מארקעט, און די אייטעם איז געווען אזוי גוט אז ביים ערשטן טאג איז שוין די סטאק פרייזן ביי זיי ארויף צו 61%.

אין יאר 1985 למספרים האבן זיי אויך געעפנט א אפיס אין ענגלאנד. אזוי אויך אפאר יאר שפעטער האב זיין געעעפנט אין אסטראליע. פון דארט איז עס שוין געגאנגען ווייטער און ווייטער אין אנדערע לענדער איבער די וועלט.

היינט צוטאגס האבן זיי זעקס הונדערט ארבעטערס איבער די גאנצע וועלט.

די גענויער רעצעפט פון דעם פראדוקט איז א סוד וואס די פירמע וויל פארשטייט זיך נישט ארויסגעבן, אבער עס איז דא עפעס אנדערש דערפון וואס איז בכלל נישט קיין סוד, און מען קען עס נאכמאכן בחנם, און זען דערפון געוואלדיגע רעזולטאטן.

הצלחה קומט נישט איבערנאכט, קיינער איז נאכנישט אויפגעשטאנען פלוצלינג א תלמיד חכם א מתמיד און א בעל מידות, מען דארף יעדן טאג פריש אנהייבן און בעטן דעם אייבערשטן "הורנו השם דרכך אהלך באמתיך, יחד לבבי ליראה את שמך", און אפילו דו האסט אין דורכפאל נאכן צווייטן, דערשרעק דיך נישט דערפון, ווייל אויב דו וועסט אנהאלטן דיין פלאץ און נישט אויפגעבן דעם קאמף, וועסט האלטן פאר דיינע אויגן דעם ציל, און אנהייבן פון פריש יעדן טאג, יעדע שעה און יעדע מינוט וועסטו צום סוף אנקומען זייער ווייט.

דער הייליגער רבי זאגט אז האבן אמונה מיינט נישט נאר אמונה אינעם אייבערשטן, ריכטיג אמונה איז טייטש אמונה אינעם אייבערשטן, אמונת צדיקים, גלייבן אינעם צדיק און אים פאלגן, און דער עיקר אמונה אין זיך, גלייבן אז דער אייבערשטער האט נישט געמאכט חס ושלום קיין טעות ווען ער האט דיר אראפ געשיקט אויף דער וועלט, דו האסט א תפקיד, און דו קענסט צושטעלן א נחת פארן אייבערשטן וואס קיינער קען נישט ערזעצן.

שטעל דיך אויף און הייב אן פון פריש, וועסט אנקומען אסאך ווייטער ווי דו טראכסט.

אני היום ילדתיך

הכרת הטוב

מסיבה פאר די ארויסגעבערס פון די גליונות אין היכל הקודש

פארגאנגענעם זונטאג ואתחנן זענען זיך צוזאם געקומען א שיינע ציבור אידן וועלכע זענען עוסק אין די עבודת הקודש הדפסה והפצה. דאס רעכענט אריין די וואס טוען אין דרוקן, שרייבן, מגיה זיין די ספרים, קונטרסים, גליונות, מאגאזינען, וועבסייט, שיעורים און אזוי ווייטער.

אלע ביים זיצונג האבן געהאט די געלעגנהייט צו רעדן אפאר ווערטער, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעטרעטן און אנגעהויבן מיט די ווערטער פונעם הייליגן רבי נתן, אז ער האט נאך אסאך התבודדות געזעגן אז די עיקר וועג וויאזוי מען קען אריינברענגען דעם הייליגן רבינ'ס עצות אויף דער וועלט איז נאר דורכן שרייבן, דרוקן, און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט איבער דעם וויאזוי מען זאל זיך האלטן שטארק און נישט ווערן צופאלן, און כאטש דער סמ"ך מ"ם פרובירט מיט אלע כחות צו מאכן חלישת הדעת פאר אלע וואס טוען די הייליגע ארבעט, דארף מען געדענקען אז מען טוט פאר'ן אייבערשטן וואס דאס דארף געבן כח ווייטער אנצגיין און נישט ווערן שוואך. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז יעדע וואך קומען ארויס גאנצע ביכער פארשידענע אויסגאבעס, אנגעפילט מיט הבלי הבלים, ארטיקלען און געשרייבעכצער וואס מען קען גארנישט ארויסנעמען דערפון, אבער זיי האבן נישט קיין חלישת הדעת... זיי שפירן זיך גוט מיט זייער ארבעט, ווייל דער סמ"ך מ"ם האט נישט קיין מורא פון זיי.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז די סיבה פארוואס ער שטרענגט זיך אן יעדע וואך צו שרייבן אזויפיל בריוו, וואס קומט אים אן זייער שווער, איז ווייל אנשי שלומינו פאלגן, ווען ער האט געזאגט אז מען זאל האלטן די שטוב ריין, און נישט אריינלאזן די פרעמדע ווינטן וואס זוכן אריינצוקומען אין תמימות'דיגע שטובער דורך די אלע אזוי גערופענע "היימישע" אויסגאבעס וואס קומען ארויס כסדר אויף אפילו אויף א היימישע אידיש, האבן אסאך געפרעגט וואס זאלן זיי יא אריינעמען, זיי זענען צוגעוואוינט פון די יוגנט - בפרט ביי די פרויען - אז שבת ביינאכט נאך לעכט צינדן, ווען דער טאטע גייט אין שול, נעמט מען א צייטונג א מאגאזין און מען ליינט אביסל. דערפאר האט דער ראש ישיבה זיך גענומען מיט א שטארקייט ארויסצוגעבן יעדע וואך א קונטרס עצתו אמונה. און דאס איז אויך די סיבה פארוואס עס איז וויכטיג ווייטער אנצוהאלטן די גליונות און צייטונג יעדע וואך.

דערפאר דארפן די אלע וואס זענען עוסק דערין זיך שטארקן און אנגיין ביתר שאת. און אויב מען שפירט אז מען דארף חיזוק, זאל מען נישטווארטן אויף קיין כבוד, קענסט

צוגיין אין שול און בעטן פיעדבעק, פרעג "האסט געליינט די בלעטל די וואך, וויאזוי האסטו הנאה געהאט?", "וואס זאגסטו צו מיין ארטיקל?", און דאס איז א לימוד פאר יעדעם איינעם, עס איז א שאד זיך צו עסן דאס געזונט ווייל קיינער זאגט נישט א גוט ווארט, ווען מען איז בקטנות הדעת דארף מען נישט מורא האבן און פרעגן.

מען קען הערן די גאנצע דרשה אויף קול ברסלב האטליין.

א שווערע טראגעדיע פון צוויי חשובע אינגעלייט

מיט גרויס צער טוען מיר באריכטן איבער א שרעקליכע טראגישע עקסידענט וואס האט פאסירט פאריגע ליל שישי אין וואס צוויי חשובע חסידישע אינגעלייט זענען נעבעך אומגעקומען אין א יונגן עלטער.

דאס האט פאסירט אין די געגענט פון מאונטעין דעיל געגענט (נישט ווייט פון וואודרידזש) ניו יארק, ווען די קאר אין וואס זיי זענען געפארן ביינאכט אין א שטארק געדרייטע ראוד, האט זיך אראפ געגליטשט פון די ראוד און האט אויפגעריסן אין פלאמען אין די זייט פון די ראוד, די פילע חשוב'ע הצלה מעמבערס וועלכע זענען תיכף געקומען צו פארן, האבן ליידער נישט געקענט מער ווי באשטעטיגן די צוויי טייערע קרבנות וואס דער שוידערליכע עקסידענט האט געקאסט פאר כלל ישראל

די חשובע נפטרים זענען אידענטיפיצירט געווארן, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אינעם אומגליק זענען אומגעקומען די צוויי חשובע אינגעלייט מו"ה ישראל שלום אשרי ע"ה, א חשובער בעלזער חסיד, וואס לאזט איבער צוויי קליינע יתומים, און מו"ה ישראל מענדל וויינבערגער ע"ה, א חשובער סאטמארער חסיד פון וויליאמסבורג, וואס האט איבערגעלאזט דריי יתומים.

די טייערע נפטרים זענען געווען באקאנט פאר זייערע פילע מעשים טובים, בפרט האט מען געהערט רעדן איבער די פילע סכומים צדקה וואס זיי נעמען זיך מיט מיט זיך יעצט ווען זיי האבן איבערגעלאזט די וועלט, און איבער די פילע שמייכלען און גוטע ווערטער וואס זיי האבן נישט געשפארט פאר יעדעם וואס איז געקומען אין בארירונג מיט זיי.

ביים מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט דערפון און געזאגט אז מען זאל זען צו לייגן א פרוטה אינעם פושקע פאר מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג, און אויך זאל מען זאגן תפילת הדרך אן שם ומלכות, נאר איין מאל א טאג זאל מען זאגן בשם ומלכות.

אויך שבת האט דער ראש ישיבה גערעדט דערפון און געזאגט אז א מענטש טראכט און מאכט חשבונות, איך גיי אזוי טון איך גיי אהער טון, און אינמיטן פירט מען דיך שוין אהיים, זע צו ארייננכאפן גוטע מצות ומעשים טובים אויף דער וועלט.

דא שטעלט זיך ווידער ארויס די פאקט וואס דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז שטענדיג אז נאר דאס ביסל מצות ומעשים טובים בלייבט איבער, די פסוקים חומש, די פרקים משניות און די בלעטער גמרא, דאס נעמט די מענטש מיט אויף יענע וועלט.

נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם

היכל הקודש
נייעס

אומאן

פארברייטערטע מקוה אין אומאן

מיר האלטן יעצט אינמיטן חודש אב, קנאפע צוויי חדשים איידער מיר וועלן זוכה זיין נאך די אלע תפילות אנצוקומען צום הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן, קומט אריין די מעלדונג אז מען האט שוין אנגעהויבן צו פארקויפן זיצן אין גרויסן בית המדרש היכל הקודש אין אומאן, ווי מען וועט קענען מיטהאלטן די געהויבענע תפילות ביים ראש ישיבה שליט"א.

כדי צו אנהאלטן די חזקה זיצן פון פאריאר וועט מען דארפן אויסצאלן דעם זיך ביז ראש חודש אלול הבעל"ט און נאכדעם וועט מען עס עפענען פאר כל הקהל הקודש.

מען קען באצאלן פאר די זיץ יעדן ליל ששי נאכן שיעור, אזוי אויך יעדע נאכט אין שטעטל ביי מנחה מעריב אין בית המדרש "ליקוטי מוהר"ן" וואס געפונט זיך אויף 33 טשעסטנאט סטריט אין די ווילידזש.

אין ווייטערדיגע אפדעיטס איבער פארשריט וואס ווערט געמאכט אין אומאן, קומט אריין נייעס איבער דעם וואס די מקוה ווערט שטארק פארגרעסערט.

ווי שוין געמאלדן ווערט דער עס זאל גענצליך ארויסגעפירט פון בנין, מיט'ן אויפבוי פונעם גיגאנטישן "אהל הרחבת הדעת" שאטער וואס האלט אינמיטן אויפגעשטעלט ווערן אין די טעג, וואס דאס איז געצילט בעיקר אויף אז די בית המדרש זאל נישט דארפן ווערן גענוצט צום עסן.

אבער אין די זעלבע צייט באפרייט עס די קלענערע אלטע עס-זאל וואס פלעגט גענוצט ווערן אין די וואכן טעג פאר פרישטאג און נאכטמאל, צוליב וואס אלעס וועט ווערן אריבערגעפירט אינעם נייעם טענט. מיט דעם איז מען צוגעטרעטן צו א פרישע פראיעקט פון צולייגן הרבת הדעת אויך אין די מקוה. אין די טעג האט מען געעפענט א גרויסע טיר אין די מקוה און מען האט געבויט א גרויסע פרישע וואנט אינעם אלטן עס-זאל ווי עס וועט ווערן די נייע גרעניצן פון די מקוה, און דאס וועט בעזרת השם צוגעבן פרישע צענדליגע זיך פלעצער וואס וועט עטוואס לינדערן דעם דרוק אין די אנגעשטרענגטע צייטן ווען אסאך מענטשן גיין אין די זעלבע צייט אין די מקוה.

אין די זעלבע צייט האט מען ארויפגעברענגט דעם מקוה אויף א העכערע שטאפל אין כשרות ווען מען האט אראפ גערופן פון ארץ ישראל דער גרויסער מומחה אין מקוואות הרב יודא לייב מינצבערג שליט"א פון ירושלים, וועלכע האט זיכער געמאכט אז די בור מי גשמים ווערט אנגעפולט לויט די הלכה מיט אלע הידורים.

די אלע פארבעסערונג קומט זיך א גרויסע דאנק פון מו"ה שבתי מזרחי הי"ו וועלכע האט מנדב געווען די הוצאות דערפון, סיי צו קענען פארגרעסערן די מקוה, און סיי צו קענען ארויפברענגען די כשרות סטאנדארט.

די עוסקים במלאכת הקודש האפן צו גיין ווייטער, און פלאנען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו קענען לייגן געהעריגע מקוה בענק סיי אין די אלטע חלק פון די מקוה און אויך אין די נייע חלק וואס וועט זיכער אסאך צוגעבן.

פיר און דרייסיג יאר צוריק פון היינט, ערב שבת פרשת עקב פרשת עקב, האט מוהרא"ש זי"ע געשריבן א הערליכע בריוו בנוגע צדקת רבי מאיר בעל הנס, ר' אהרן וועבערמאן, גבאי רבי מאיר בעל הנס דהיכל הקודש ברענגט צו אייך דעם בריוו איבערגעטייטשט אויף אידיש.

בעזרת השם יתברך יום ששי לסדר עקב, י"ט אב ה'תש"ן.

שלום וברכה ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זע צו האבן שטענדיג אויפן טיש א פושקע לעילוי נשמת רבי מאיר בעל הנס, און לייג אריין פון צייט צו צייט אפאר פרוטות, און זאג מער ווי איינמאל: "אלקא דמאיר עננו", וועסטו זען אפענע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט טון מיט דיר. ס'איז באוויסט אז רבי מאיר איז געווארן באערדיגט שטייעדיגערהייט, מיט זיין שטעקן אין די הענט, כדי צו זיין גרייט אויפצושטיין תחית המתים, און מקבל זיין משיח צדקנו, ווייל די גאולה וועט זיך אנהייבן פון טבריה, אזוי ווי די פסוק זאגט (ישעיה א, כז): "ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה", די גאולה וועט זיין נאר אין זכות וואס אידישע קינדער געבן אסאך צדקה לעילוי נשמת רבי מאיר בעל הנס.

הדורש שלומך לטוב כל הימים

המשך פון פרשת דברים

וואס איז געווען די מעשה מיט חזקיהו המלך? חזקיהו המלך - האט דער ראש ישיבה דערציילט - איז געווען זייער גרויס, די גמרא זאגט (סנהדרין צד.) אז ער איז געווען ראוי צו זיין משיח אין זיין דור, נאר עס איז געווארן אפגעשטופט.

חזקיהו המלך איז געווען זייער קראנק און ישעיהו הנביא איז געקומען צו אים מיט א נבואה אז ער גייט נפטר ווערן און ער וועט נישט האבן קיין עולם הבא, האט ער געפרעגט ישעיהו הנביא פארוואס, האט ער געזאגט ווייל ער האט נישט מקיים געווען די מצוה פון פרי' ורבי', ער האט נישט חתונה געהאט, האט ער געזאגט פאר ישעיהו הנביא, אז ער זעט מיט רוח הקודש אז ער וועט האבן אייניקלעך גרויסע רשעים, ממילא וויל ער נישט חתונה האבן, האט אים ישעיהו הנביא געזאגט: "בהדי כבשי דרחמנא למה לך", דו טו וואס דו האסט צו טון, וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, און דער אייבערשטער זאל טון זיינס, דאס האט שוין נישט מיט דיר.

[דא האט דער ראש ישיבה אריינגעווארפן די זאך וואס איז געווען אין רוסלאנד, ווען מ'האט צוגעכאפט די קינדער, אדער אויפגעצויגן די קינדער אלס רוסן, אלס קאמוניסטן, אז מענטשן האבן געטראכט וואס האב איך פון האבן קינדער, זיי צו געבן פאר די קאמוניסטן? אבער מיר קענען נישט מאכן די חשבונות]

דאן האט חזקיהו המלך געוואלט תשובה טון, ער האט געבעטן ישעיהו הנביא ער זאל אים געבן זיין טאכטער פאר א ווייב, אפשר אין זיין זכות און אין זכות פון ישעיהו הנביא וועט דער אייבערשטער העלפן אז ער וועט האבן ערליכע קינדער, האט ישעיהו הנביא געזאגט אז עס איז שוין דערנאך, די גזירה אז ער גייט שטארבן איז שוין נגזר געווארן, האט יחזקיהו געזאגט פאר ישעיהו הנביא ער זאל ענדיגן זאגן זיין נבואה און ארויסגיין, (דער ראש ישיבה האט מסביר געווען, ער האט אים געזאגט מיט דרך ארץ ער זאל קודם ענדיגן זיין נבואה, ער האט אים נישט גלייך געזאגט גיי ארויס), ווייל ער האט מקובל פון זיין זיידע דוד המלך אז אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, אל יתיאש מן הרחמים, אפילו מ'האט שוין א שווערד ביים האלז טאר מען זיך נישט מייאש זיין, נאכדעם וואס ישעיהו הנביא איז ארויס האט זיך חזקיהו המלך אויסגעדרייט צו די וואנט און תשובה געטון און זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים אויסהיילן, (דער ראש ישיבה האט צוגלייגט אז פון דא לערנט מען ארויס אז מ'דארף דאווענען ביים וואנט, אז מ'זאל נישט ווערן געשטערט), און מיט זיין תפילה צו ווערן אויסגעהיילט פון זיין קרענק האט ער מחדש געווען אויף די וועלט די זאך פון ווערן אויסגעהיילט פון א שטערבליכע קראנקהייט, און ער האט געלעבט נאך פופצן יאר

דערנאך האט ישעיהו הנביא באקומען נאך א נבואה פון באשעפער אז ער האט צוגעהערט די תפילה פון חזקיהו המלך און ער גייט אים אויסהיילן, "שמעתי את תפילתך, ראיתי את דמעתך, הנני רופא לך", און ער זאל גיין צו חזקיהו המלך אים איבערגעבן אז ער וועט ווערן אויסגעהיילט.

ווען ישעיהו הנביא איז געקומען צו חזקיהו המלך אים זאגן אז ער וועט ווערן אויסגעהיילט, האט ער געבעטן ישעיהו הנביא פאר א צייכן אז ער גייט טאקע ווערן אויסגעהיילט, ווייל ער האט אים דאך געזאגט אז די גזירה איז שוין פארזיגלט אז ער גייט שטארבן, ממילא דארף ער א צייכן אז די יעצטיגע נבואה אז ער גייט יא זיין געזונט איז טאקע ריכטיג, האט אים ישעיהו הנביא געזאגט אז ער קען זיך אויסוועלן א צייכן אויף די נס וואס גייט אים געשען - דורך די זון, אדער אז עס זאל צוריקגיין פינף שעה, פון דריי אזייגער צו צען אזייגער אינדערפרי, אדער אז עס זאל ווערן פינף שעה שפעטער, דאס הייסט אכט אזייגער ביינאכט, האט חזקיהו המלך אויסגעוועלט די אפציע אז די זון זאל זיך צוריק רוקן צו צען אזייגער אינדערפרי, און אזוי איז געווען, פון דריי אזייגער נאכמיטאג האט זיך די זון צוריק גערוקט און איז געווארן צען אזייגער אינדערפרי.

מרודך בלאדן דער דעמאלטדיגער קעניג פון בבל האט געהאט א מנהג צו עסן פרישטאג יעדן טאג צען אזייגער אינדערפרי, נאכדעם פלעגט ער שלאפן ביז דריי אזייגער נאכמיטאג, פינף שעה, יענעם טאג וואס דער אייבערשטער האט געמאכט די נס מיט די זון האט ער זיך געלייגט שלאפן - ווי זיין שטייגער - צען אזייגער, אבער ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געזען אז עס איז צען אזייגער אינדערפרי, ער האט געמיינט אז ער איז געשלאפן פיר און צוואנציג שעה, האט ער פארגעהאלטן זיינע קנעכט מיט גרויס כעס פארוואס זיי האבן אים געלאזט שלאפן אזוי לאנג און אים נישט אויפגעוועקט דריי אזייגער נאכמיטאג, ער האט זיי חושד געווען אז זיי ווילן מאכן א ריוואלט קעגן אים, האבן זיי אים געזאגט אז זיי האבן אים נישט געלאזט

שלאפן אזוי לאנג, נאר דער באשעפער, דער ג-א-ט פון חזקיהו המלך האט געמאכט היינט צוויי ניסים, ער האט אויסגעהיילט חזקיהו המלך פון זיין קרענק און צוריקגערוקט די זון פינף שעה.

דאן האט מרודך בלאדן געשיקט א בריוו צו חזקיהו המלך, ער האט אנגעהויבן דעם בריוו מיט די ווערטער: "פרידן צו חזקיהו מלך יהודה, פרידן צו זיין ג-ט און פרידן צו די הייליגע שטאט ירושלים", נאכדעם האט ער חרטה געהאט אויף די נוסח ווי אזוי ער האט געשריבן דעם בריוו און ער האט דאס צעריסן, ער האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין קעניגליכע שטוהל און געגאנגען דריי טריט און געשריבן א נייע בריוו, ער האט געשריבן אזוי: "פרידן צום גרויסן ג-א-ט פון ירושלים, און פרידן צו חזקיהו מלך יהודה, און פרידן צו ירושלים עיר הקודש", האט דער אייבערשטער געזאגט: "דו ביסט געגאנגען פאר מיין כבוד דריי טריט, איך שווער אז עס וועלן ארויסקומען פון דיר דריי קעניגן וואס וועלן קעניגן אויף די גאנצע וועלט", דאס איז נבוכדנצר, זיין זון אויל מרודך און זיין זון בלשצר.

*

דאס איז די מעשה בקיצור, דער ראש ישיבה האט איבערדערציילט די מעשה עטליכע מאל, ער האט געוואלט זיכער מאכן אז יעדער האט געהערט די מעשה פון די נס מיט רוקן די זון, אויך פאר די וואס זענען אנגעקומען אינמיטן האט ער דאס איבערדערציילט, און ער האט אויסגעפירט אז מ'זעט דא א מורא'דיגע לימוד, נעמליך, אז חזקיהו המלך האט אויסגעוועלט אז די זון זאל גיין אויף צוריק, צו ווייזן אז עס איז מעגליך "צוריק צו דרייען דעם זייגער", מיט תפילה און אמונה קען מען אלעס באווייזן, אפילו צוריק דרייען דעם זייגער; אויפן פאפיר שרייבט זיך דאס אין בלויז עטליכע שורות, אבער בשעת דער ראש ישיבה האט דאס געזאגט האט אלעמען ארומגענומען א שטארקע הרהור תשובה און א האפענונג אלעס צו פארריכטן, הערנדיג ווי גרויס די כח פון תשובה און התבודדות איז, אז דורך רעדן צום אייבערשטן און תשובה טון קען מען אלעס צוריק דרייען, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (עיין ליקוטי עצות אות התחזקות, סימן לו): "יש ענין שמתהפך הכל לטובה".

דער ראש ישיבה איז דערנאך אריין אין זייער א שיינע שמועס בענין די דריי טריט וואס בלאדן איז געגאנגען פארן אייבערשטן, און באקומען אויף דעם אזא גרויסע שכר, אז כל שכן יעדע טריט וואס א איד גייט פארן אייבערשטן, די טריט וואס מען גייטביים אנהויב און ענדיגן שמונה עשרה, ווי אויך האט דער ראש ישיבה דערמאנט דאס זיך אונטערהייבן ביי "נברך שאכלנו משלו", און בכלל ביים דאווענען, יעדע מאל ווען מ'דארף זיך אויפשטעלן, דאס גרויסקייט דערפון, ווי מ'זעט די שכר וואס דער גוי'אישער קעניג האט באקומען דערפאר.

*

ווי אויך האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט דאס גרויסקייט און די תיקונים וואס מען איז זוכה דורך די טריט וואס מען קומט צום הייליגן רבי'ן, סיי ווען מ'קומט צו א פלאץ וואו מען רעדט דעם רבינ'ס דיבורים, אז דאס איז פינקט ווי מען קומט צו רבי'ן, און אוודאי ווען מ'פארט צום הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן.

דער ראש ישיבה האט דערמאנט די שיחה אין חיי מוהר"ן, סימן רצ"ב:

אָמַר לְרַבִּי יוּדְל וְרַבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כְּשֶׁהָיוּ נוֹסְעִים אֵלָיו מִדַּאשׁוּב לְמֶעדְוֶועדִיוְקֶע וּפַעַם אַחַת הָיוּ רוֹצִים לָצֵאת לִסְבִיבוֹת מֶעדְוֶועדִיוְקֶע כְּדֵי לִהְיוֹת סְמוּכִים אֵלָיו תָּמִיד וְכֵן עָשׂוּ. אָז אָמַר שֶׁהוּא מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אַחַר הַדְּרָכִים שֶׁלָּהֶם שֶׁהָיוּ נוֹסְעִים בָּהֶם אֵלָיו. וְאָמַר שֶׁבְּכָל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה שֶׁלָּהֶם כְּשֶׁנָּסְעוּ אֵלָיו נִבְרָא מַלְאָךְ מִכָּל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה. וְאָמְרוּ לוֹ הֲלֹא גַּם כַּמָּה יְגִיעוֹת יֵשׁ לָנוּ וְכַמָּה פְּסִיעוֹת אָנוּ הוֹלְכִין קֹדֶם שֶׁשּׂוֹכְרִין הָעֲגָלָה לִנְסֹעַ. הֵשִׁיב בְּוַדַּאי גַּם זֶה בִּכְלָל, כִּי גַּם מֵאֵלּוּ הַפְּסִיעוֹת נִבְרָא מַלְאָךְ מִכָּל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה. וּבְעֶרֶב רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן בְּאוּמֶין דִּבֵּר מִזֶּה וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ וִוינְטְשׁ מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהן דָאס לֶעכְטִיקַייט פוּן דִיא וֶועגִין וָואס אִיר פָּארְט אוֹיף זַייא צוּ מִיר" אַחֲלַי שֶׁאֶזְכֶּה לִרְאוֹת אוֹר בְּהִירוּת הַדֶּרֶךְ שֶׁאַתֶּם נוֹסְעִים עָלָיו אֵלַי:

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט אז די טריט הויבן זיך נישט אן אויפן פליגער אויפן וועג צו אומאן, נאר יעדע זאך וואס איז נכלל אין דאס פארן, למשל דאס גיין ערלעדיגן די פאספארט, זיך פאקן, וכדומה, יעדע טריט און שריט ברענגט גרויסע תיקונים פארן מענטש.

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבער דאס גרויסקייט פון הייליגן רבי'ן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער רבי און דער אר"י הקדוש זענען ביידע געווען די זעלבע יארגאנג, ביידע זענען נסתלק געווארן ביי די אכט און דרייסיג יאר, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט, מיר הויבן אן דאווענען ביי די פערציג יאר... ביי די פערציג יאר הויבן מען זיך אן סעטלען, און מען הויבט אן דינען דעם אייבערשטן, אבער די צדיקים האבן שוין ביי די אכט און דרייסיג יאר געהאלטן אזוי גרויס, אראפגעברענגט אזא ליכטיגקייט אויף די וועלט...

דער ראש ישיבה האט אביסל דערציילט פון די ערשטע מאל וואס ער איז געפארן צום הייליגן רבי'ן אויף אומאן אויף ראש השנה, דער ראש ישיבה האט דערציילט אז די ערשטע מאל האט אים זיין זיידע הגה"צ קארלסבורגער רב זי"ע גענומען אויף אומאן, ווען ער איז אלט געווען פערצן יאר, נישט אויף ראש השנה, נאר אלס א נסיעה צו מקומות הקדושים.

ווי אויך האט דער ראש ישיבה דערציילט איבער די שוועריקייטן וואס אנשי שלומינו האבן צו פארן צום הייליגן רבי'ן, יעדער מיט זיינע שוועריקייטן, וואס מענטשן מאכן מיט פון די עלטערן און שוויגער עלטערן, אזש עס זענען דא וואס קריגן זיך מיט אזא רציחה, אז זיי סטראשען מיט א גט אויב דער איידעם פארט צום הייליגן רבי'ן אויף אומאן אויף ראש השנה.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ווען ער איז געפארן די ערשטע מאל קיין אומאן ראש השנה האט זיין ווייב גלייך מסכים געווען אבער זי האט געבעטן אז דער ראש ישיבה זאל דאס מעלדן פאר איר טאטע, ווייל דער חלק וואלט איר געווען זייער שווער צו טון, און דער ראש ישיבה האט דערציילט ווי אזוי ער האט דאס אויסגעשמועסט מיט זיין שווער, און ער האט דאס זייער שיין אנגענומען.

***

אינמיטן די שיעור איז אנגעקומען המפיץ הגדול ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א, ווען דער ראש ישיבה האט אים באמערקט האט ער אים גערופן צו זיצן נעבן זיך, דער ראש ישיבה האט אויפגעשטעלט זיין זון נחמן נתן און געהייסן ר' נתן זיך אהינזעצן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אוודאי געוויס מ'דארף זיך אויפשטעלן פאר אן עלטערן איד וכו', אבער זיגין כוונה מיט אויפשטעלן זיין זון איז די חלק החינוך, ער וויל אויפציען די יוגנט געזונט, מ'זאל וויסן אז מ'דארף זיך אויפשטעלן פאר אן עלטערן איד.

***

עס איז געזיצן ביים שיעור א חתן בר מצוה, א קינד וואס האט בר מצוה געהאט דורכאויס די וואך, דער ראש ישיבה האט אים גערופן נעבן זיך און אים געמאכט גוט שפירן.

דער ראש ישיבה איז אריין אין א לענגערע שמועס איבער די נארמאלע געזונטע וועג פון מאכן שמחות אין די קהילה, אז מ'געבט נישט אויס געלט - וואס מ'האט נישט - צו ספענדן ביי שמחות.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו דער טאטע פונעם חתן הבר מצוה אז זייט ער איז מקורב געווארן האט ער זיך שוין געשפארט אסאך געלט דורכן מאכן נארמאלע שמחות, נישט מיט די גרויסע איבערגעטריבענע הוצאות, און דער טאטע האט צוגעשאקלט מיטן קאפ...

האט זיך איינער פון די אנוועזנדע אינגעלייט אנגערופן אז דאס מאכן נארמאלע שמחות איז די קלענסטע זאך אין היכל הקודש, עס איז דא אזויפיל חיזוק און עצות אויף עבודת השם אין היכל הקודש, תפילה והתבודדות, סדר דרך הלימוד וכו', האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נישט האבן חובות און עבודת ה' און אלע אנדערע עצות פון רבי'ן - זענען נישט צוויי עקסטערע זאכן, נאר עס איז איין זאך, נישט האבן חובות און ווי אזוי צו נוצן ריכטיג די געלט איז די זעלבע עצה ווי אלע אנדערע עצות פון היכל הקודש, ווייל ווען א מענטש האט חובות האט ער נישט קיין מח, ער קען נישט דינען דעם אייבערשטן וכו'.

דער ראש ישיבה האט דערציילט איבער א משפחה וואס וואוינט היינט אין שטעטל, אז דער טאטע פלעגט אויסהערן די שיעורים און לעבן מיט די עצות, און עס וואלט געקענט ווייטער אזוי אנגיין, אבער די מכה בפטיש פארוואס זיי האבן האבן זיך איינגעגלידערט אין די קהילה, דאס הייסט אריינגעשיקט די קינדער אין די מוסדות און געמופט אין שטעטל איז געווען

ווייל דער טאטע איז שוין געווען אזוי צעריסן און אויפגעגעסן פון די טייערע שמחות, ער האט שוין געהאט חתונה געמאכט עטליכע קינדער, אז ער האט עס מער נישט געקענט נעמען, ער האט געשפירט ווי עס גייט קראכן, האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט ווי ס'זענען דא מענטשן וואס זענען אריינגעקומען אין די קהילה צוליב די געזונטע וועג פון מאכן שמחות, ווייל חובות און א נארמאלע געזונטע לעבן גייען נישט צוזאמען, ממילא קען מען נישט אפטיילן חובות פון עבודת השם, עס איז איין זאך.

דער ראש ישיבה האט דערציילט עטליכע ביישפילן ווי מענטשן האבן נישט דאס געלט צו מאכן שמחות, מען בארגט געלט פאר שמחות און מען באצאלט דאס נישט.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט פאר ר' נתן, מענטשן זאגן דער ראש ישיבה וויל מאכן די קהילה פאר א יאנטשי קהילה, אבער מ'האט דאך נישט קיין געלט פאר די טייערע שמחות... ווי אזוי מעג מען לאזן אנשי שלומינו זינקען אין חובות פאר די שמחות... אויסווארפן געלט פאר נישטיגע פאר שעה.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ווען ער האט בר מצוה געמאכט זיין עלצטע זון האט ער זיך אליינס געשלאגן מיט זיך ווי ווייט ער זאל זיין שפארעוודיג, און געוויסע זאכן האט ער נאכגעגעבן, אבער נאך די בר מצוה האט געטראכט צו זיך אז למעשה האט עס באמת נישט אויסגעפעלט און עס וואלט געווען זייער א שיינע שמחה אן דעם אויך.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון א שיינע שטריימל, אז הגם עס זענען דא וואס קאסטן זיך פאר א שטריימל אסאך געלט, איז דאס אבער נישט סתם ארויסגעווארפן געלט, עס האלט זיך כאטש פאר עטליכע יאר, אבער סתם ספענדן געלט פאר איין נאכט אין די וועלט אריין...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז א אינגערמאן פון שטעטל האט נישט לאנג צוריק חתונה געמאכט זיין עלטסטע טאכטער און ער האט זיך זייער באדאנקט פאר דער ראש ישיבה, אבער באמת קען ער זיך נישט באדאנקען ווייל ער האט קיינמאל נישט געשפירט די טעם פון מאכן א שמחה ווי מען מאכט אין די וועלט, זיך בא'חובות'ן, און פאלן אונטערן דרוק פון חובות, נאר דאן קען די שכוח זיין אן אמת'ע שכוח, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט אז נאר א 'סורווייווער', א מיטגעמאכטער, פארשטייט די חילוק פון מאכן א שמחה אויף א נארמאלע געזונטע וועג, און קען דאס ריכטיג שעצן.

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה ווי אזוי מען קען אריינברענגען אין די וועלט די זאך פון מאכן נארמאלע שמחות, אן מאכן חובות און ווארפן געלט אין מיסט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס קען נאר דער רבי'ס אריינברענגען אין די וועלט, ווייל די שורש פון די פראבלעם קומט צוליב תאוות ממון, ווייל די עשירים זענען די ארויפגעקוקטע אין די קהילות, אלע - פון גרויס ביז קליין - חנפ'ענען זיי, און מ'באגייט זיך מיט זיי און מיט זייערע קינדער גאר אנדערש ווי מ'באגייט זיך מיטן פשוט'ן מענטש, דערפאר ווילן אלע זיי נאכמאכן.

און דער ראש ישיבה האט ציטירט וואס דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן כג: "[רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה, הַיְנוּ בְּתַאֲוַת מָמוֹן, וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמְמִית אוֹתָם כַּנַּ"ל], וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", אז נאר דער הייליגער רבי קען ראטעווען א מענטש פון תאוות ממון, נאר ווער עס הערט זיך צו און לעבט מיט די הייליגע רבינ'ס עצות און לימודים קען זיך אפשאקלען פון דאס ספענדן געלט אין די לופט אריין און מאכן נארמאלע געזונטע אידישע בא'חנ'טע שמחות.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וואלט ווען גרינגערהייט געקענט מאכן טייערע און אויפרייסערישע שמחות, מ'וואלט געקענט מאכן א קופת שמחת רבינו און עס וואלט זייער גרינג און שנעל אריינגעקומען גרויסע סכומים (דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער איז איין טאג ארומגעגאנגען מיט זיין שווער נאך געלט אין האשקי ביהמ"ד פאר בערך צוויי שעה און עס איז אריינגעקומען א ריזן סכום צדקה), ער וואלט געקענט מאכן זייער שיינע טייערע שמחות, אבער ער דארף עס נישט, ווי מעג מען אויסווארפן אידישע געלט אין מיסט...

המשך קומענדיגע וואך אם ירצה השם.

גרשון קרעמער

מערב וועלט פירט דורך ארעסטאנטן אויסטויש מיט רוסלאנד

דאנערשטאג דברים איז געמאלדן געווארן דורך די ביידען אדמיניסטראציע, אז יעצט אין די מינוטן קומען פאר אויפן ראנוועי אינעם אינסטאנבול לופטפעלד א היסטארישער ארעסטאנטן אויסטויש מיט רוסלאנד, ווען רוסלאנד האט ארויסגעלאזט זעכצן ארעסטאנטן וואס רוסלאנד האט געהאלטן פון עטליכע מערב וועלט לענדער, צווישן זיי אמעריקאנער, דייטשע און נאך עטליכע רוסישע פאליטישע ארעסטאנטן, רוסלאנד האט דערפאר באקומען אכט רוסישע בירגער וואס זענען געזיצן אין אמעריקאנער און אייראפעאישע תפיסות אויף הארבע קלאגעס פון מארד און שפיאנאזש.

איינע פון די גאר באקאנטע מענטשן וואס זענען געווארן באפרייט איז דער אידיש אפשטאמיגער וואל סטריט דזשורנאליסט איוואן גערשקאוויטש, וועלכע איז ממש לעצטענס פאראורטיילט געווארן אין רוסלאנד אויף זעכצן יאר טורמע, נאכדעם וואס רוסלאנד האט אים - לויט אמעריקע פאלש - באשולדיגט אין שפיאנאזש.

פאר בערך אכט יאר צוריק האט זיך גערשקאוויטש געצויגן קיין רוסלאנד, ווי ער איז אריין ארבעטן פאר געוויסע צייטונגען ווי למשל די וואל סטריט צייטונג.

פאר א יאר צוריק איז ער געווארן אנגעקלאגט אויף שפיאנדזש קלאגעס דורך די רוסישע רעגירונג. זיי האבן אים געגעבן זעכצן יאר תפיסה. יעצט האט דער אייבערשטער רחמנות געהאט און איז ארויסגענומען פון דארט מיטן אויסטויש וואס איז געווארן געמאכט.

דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע פלעגט אלץ מלמד זכות זיין אויף אידישע קינדער, און אויסגעלערנט אידן זיך אויסצו'טענה'ן מיט'ן אייבערשטן. אידישע קינדער זינגען אסאך דעם באקאנטן "רבונו של עולם מיר וועלן מאכן א בייט", ער טענה'ט זיך אויס מיט'ן באשעפער אן אינטערעסאנטן דיעל: מיר ווילן מאכן א געשעפט מיט דיר באשעפער, מיר וועלן דיר געבן וואס מיר האבן, און דו גיב אונז וואס דו קענסט. מיר וועלן קויפן פונעם אייבערשטן ער זאל אונז מוחל זיין אויף אונזערע עבירות, און מיר וועלן אים דערפאר באצאלן, מיט וואס? הערט וואס דער הייליגער צדיק זאגט: מיר וועלן דיר געבן עבירות.

להבדיל אלף אלפי הבדלות, עס זעט אויס כמעט ווי דער געשעפט וואס אמעריקע האט געמאכט מיט רוסלאנד, רוסלאנד האט פארקויפט אלע זייערע חטאים עוונות ופשעים, זיי האבן אויסגעלייזט זייערע מערדער, שפיאנען, און באקומען דערפאר מחילה סליחה וכפרה, מען האט זיי מוחל געווען אויף דעם וואס זיי רודפ'ן פאליטישע אפאנענטן, זיי זענען איין אומשולדיגע רעפארטערס אלס שעדליכע שפיאנען...

עס זעט אויס ווי דער געשעפט מאכט נישט קיין סענטס. און עס קען טאקע זיין אז אמעריקע האט געמאכט א שלעכטע דיעל. אבער וויאזוי קען זיין אז מען קען מאכן אזא נישט "פעיר דיעל" מיט'ן אייבערשטן.

נאר דער אמת איז מיט'ן אייבערשטן קען מען מאכן אזעלכע דיעלס. דער אייבערשטער איז א חנון המרבה לסלוח, ער זוכט צו טון חסד מיט אונז, ער ווארט נאר מיר זאלן ארויפלויפן צו זיינע אויסגעשטרעקטע הענט וואס ווארט מיר זאלן קומען צו אים, און איינמאל מיר עפענען דאס מויל, מיר זאגן אים "איך האב געזינדיגט, איך וויל עס נישט טון, העלף מיר באשעפער נעם מיך ארויס פון מיין פלאנטער", דאס געבט אונז דירעקט עקסעס צום באשעפער, מיר קענען באקומען דעם געוואליגן געשעפט.

און נישט נאר וואס מיר ווערן פטור פון אונזערע חטאים עוונות ופשעים, און מיר באקומען דערפאר מחילה סליחה וכפרה, מיר באקומען נאך א באנוס, ער געבט אונז נאך צו דערפאר "בני חיי ומזוני" נישט סתם, נאר מיר הייבן אן צו לעבן מיט'ן באשעפער, "בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות", און "חי חי יודיך וישבחוך", און "ואכלת ושבעת וברכת את השם אלוקיך".

גוגל ווערט באשולדיגט אין פארלעצן אנטי טראסט געזעצן

אין א לענגערע קאמף מיט די רעגירונג האט א ריכטער ארויסגעגעבן אן אורטייל קעגן גוגל זאגנדיג אז זי פארלעצט די פעדעראלע אנטי טראסט געזעצן.

די רעגירונג האט יארן צוריק איינגעשטעלט געזעצן וואס דארפן האלטן קאנטראל אויף ביזנעסער אז זיי דאמינירן נישט די מארקעט מיט'ן כח פון זיין די גרעסטע, די רעגירונג וויל אז די מארקעט זאל זיין אפן פאר קאנקורענץ און נאר בעסערע פראדוקטן און סערוויסעס זאלן באאיינפלוסן די דאמינאנץ פון א פירמע.

אין אונזער פאל האט די רעגירונג אויפגעוויזן אז טראץ גוגל'ס טענות אז זי איז די גרעסטע (האבנדיג איבער 95% פון די "זוך" מארקעט) בלויז ווייל זי איז די בעסטע, האט זי אויסגעגעבן שווערע ביליאנען דאלארן יערליך בלויז צו פארזיכערן אז זי בלייבט די אויסשלוסליכע זוך ענדזשין ביי פילע פלאטפארמעס.

די געריכט גייט יעצט באשלוסן וואס מען זאל טון צוליב דעם, איינע פון די אפציעס וואס די רעגירונג טוט אין אזעלכע פעלער איז צווינגען די פירמע זיך צו צוברעכן אין עטליכע קלענערע קאמפאניס וואס קען העלפן אביסל צו עפענען די מארקעט, אז אז אויך אנדערע זאלן קענען אריינקומען אינעם פעלד.

די הייליגע משנה זאגט אונז "עשה לך רב" א מענטש מוז האבן איינער ווער עס זאל טון פאר אים די ארבעט פון ארויסזוכן די ריכטיגע וועג אין עבודת ה', אפילו איך בין דער קלוגסטער מענטש, איך בין די געלונגענסטער מענטש, דארף איך טרעפן א מורה דרך, איין מענטש וואס איז קלוגער פון מיר און אים פאלגן, און נאר אזוי קען מען זיין אן ערליכער איד. חז"ל זאגן זייער שארף פאר דער וואס וויל אליינס באשלוסן, און נישט נאר דער וואס זוכט די קולות סיי פון בית שמאי און סיי פון בית הלל איז נישט גערעכט, נאר אפילו דער וואס וועט וועלן זיין א פרומער און טון די חומרות פון ביידע, רופט די גמרא אן א "שוטה".

איין טענה פון גוגל האט די רעגירונג אנגענומען, און דער ריכטער זאגט אז עס איז מעגליך אז אז גוגל האט גארנישט געטון שלעכטס ווייל זי וואלט וועןן סיי ווי געהאט גענוג קאסטומערס, ווייל זיי טויגן און זענען פאקטיש די בעסטע "סוירטש ענדזשין" אויף די מארקעט, און די סיבה פארוואס מענטשן גייען צו זיי איז ווייל מען טרעפט שנעל און גרינג וואס מען דארף, און מען "האט עפעס אין די הענט", די זעלבע זאך איז ברוחניות, דער עיקר זאך וואס איך דארף טרעפן אין א רב אדער מורה דרך איז נישט אז ער איז "עפעס אנדערש", ער עסט נישט/ער עסט זייער אסאך, ער שלאפט נישט/ער שלאפט א גאנצן טאג, אן אייגעביגענער, א בטלן, די אלע זאכן געבן מיר גארנישט צו, דער עיקר איז אז ער מאכט מיר לעבן מיט'ן אייבערשטן, ער געבט מיר אריין א זיסע טעם אין די תורה, מיין ווייב און קינדער ווערן ביי מיר חשוב.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז אויב איינער האט אנגעהויבן צו לערנען א דאנק דעם הייליגן רבי'ן, ער לערנט יעדן טאג אכצן פרקים משניות, און ער טרעפט א פלאץ ווי מען מאכט אים לערנען ניינצן פרקים משניות זאל ער גלייך אהין לויפן, און נישט נאר דאס, ער בעט אז מען זאל אים אויך רופן, ווייל ער וויל אויך אהין גיין.

די רעגירונג וויל אז גוגל זאל נאר מצליח זיין ווילאנג זיי קענען סערווירן זייערע קונדן אויפן בעסטן אופן, און אין די רגע עס איז דא א בעסערע סוירטש ענדזשין אויף די מארקעט זאלן די קאסטומערס באשלוסן צו וועמען צו גיין.

עשה לך רב

משה ארי' שנייטלער

א זכות פאר די צוויי אײדעלע נשמות



ווען עס פאסירט ליידער א ביטערע טראגעדיע, ווערט מען שטארקט אויפגעשאקלט, ביז די טיפעניש פון די נשמה, יעדער וויל זיין גוט, יעדער וואלט געוואלט עפעס אנכאפן, איך גיי טון דאס אין דאס אין ליכט פון די שרעקליכע טראגעדיע וואס האט פאסירט, איך גיי זיך פארנעמען א דבר טוב אז עס זאל זיין פאר א זכות פאר די צוויי טייערע אײדעלע נשמות וואס זענען טראגיש ארויף אין פלאמען, איך וויל עפעס פאררעכטן אין מיין לעבן אז עס זאל זיין א שטיקל זכות אויף מיר, ווייל סוף כל סוף פילט יעדער איינער אז אפשר מיינט מען מיך.

אבער וואס טו איך למעשה? וואו הייב איך אן? וואס זאל איך זיך פארנעמען? א גרויסע זאך וואס איך וועל אפשר נישט קענען טון ווען עס גייט דורך א שטיק צייט און די שולד געפיל ווערט אביסל אויסגעוועפט? אדער אפשר עפעס א קלענערע זאך? אבער אפשר איז עס צו א גרינגע זאך און עס טראגט אפשר נישט קיין ווערד אין הימל? אפשר טו איך נישט גענוג? אפשר בין איך צו ignorant... אפשר נעם איך נישט גענוג שטארק די מעסעדזש פון הימל אז איך דארף זיך אביסל פארבעסערן?...

דער אייבערשטער האט מיר צוגעשיקט א הערליך שטיקל אין ספר "אשר הי' אל יואל", וואס האט מיר געגעבן א שטיקל פראקטישע בליק וואס צו טון ווען מ'הערט אזא שוידעליכע פאסירונג.

דער ספר איז געבויט אויף שמועסן פונעם ראש ישיבה שליט"א, ס'איז ארויס ממש יעצט, א צוויי דריי וואכן צוריק.

זע איך דארט, אין דף ע"ט, א שמועס וואס גייט בערך אזוי, שטייט אין די סדרה פון די וואך פרשת עקב, ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך, כי אם ליראה, וואס בעט דען דער אייבערשטער? נאר צו מורא האבן פון אים און טון אלע מצוות און אים דינען מיט די גאנצע הארץ.

פרעגן חז"ל (ברכות דף ל"ג) וואס הייסט "נאר מורא האבן"? יראת שמים איז עפעס א קליינע זאך?! וואס הייסט "נאר"?!

ענטפערט די גמרא, ביי משה רבינו איז יראת שמים א קליינע זאך.

פרעגט דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו (געברענגט אין דגל מחנה אפרים, פרשת תצוה) וואס איז די תירוץ? מ'רעדט דאך דא צו אלע אידן?! ענטפערט דער הייליגער בעל שם טוב אזוי, לגבי משה, דער וואס איז נאנט צו משה רבינו, דער וואס איז דבוק אין א צדיק, דער וואס גייט צו ערליכער איד, ביי אים איז טאקע יראת שמים א קליינינקייט.

מ'טוט נאך א קליינינקייט און נאך א קליינינקייט, ביז מ'זעט אז ס'האט זיך יא גערוקט זאכן ביי מיר, אז איך וועל יא קענען איין טאג זיין א גרויסער ירא שמים.

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן: "אביסל אביסל, פילט זיך אן א שיסל".

מ'לייגט א פעני אין די פושקע, מ'געבט א קיש די מזוזה, מ'רעדט שיין צו א איד אין בית המדרש, צו די ווייב און קינדער. פלוצלונג זעט מען אז זאכן רוקן זיך, פלוצלונג בין איך שוין נישט אזא כעסן ווי אמאל, פלוצלונג זע איך אז איך האב געהאט כח איין סקונדע צו קוקן אויף דער ערד ווען איך גיי אין גאס. דער צדיק לערנט אויס אז אויב איך וועל

קיינער קומט מיר גארנישט, קיינער איז מיר גארנישט שולדיג, אלעס וואס איך האב איז א באנוס.

אריינכאפן נאך און נאך קליינע זאכן וועל איך אנקומען צו גרויסע זאכן.

לגבי משה יראה מילתא זוטרתא היא, דער צדיק לערנט אונז אז דורך אריין כאפן אסאך קליינע מצוות ווערט מען א גרויסער ירא שמים. דורך אסאך קליינע מצוות קען מען ווערן א גרויסער צדיק... געב עס א טשענס...

האב אביסעלע געדולד, הער נישט אויף מיט דיין פעני צדקה יעדן טאג, געב נישט אויף מיט דיין וועג פון רעדן שיין, באלד וועט זיך טוישן דיין גאנצע לעבן, אלעס וועט זיך רוקן, דיין ביזנעס, דיין דאווענען, דיין לערנען, דיין רואיגקייט, דיין שמחת החיים, דיין צופרידנקייט, דיין געדענקען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, דיין גלייבן אז אין הימל האט אלעס א חשבון, אלעס איז גערעכט, אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז פונקטליך אויסגעהאלטן, דיין געדולד צו דיין ווייב און קינדער, אלעס וועט זיך פארבעסערן מיט די צייט, נאר הער נישט אויף טון די קליינע מצוה'לעך וואס דו האסט אנגעהויבן.

איך האף איר וועט נישט לאכן וואס איך האב מיר פארגענומען, כ'האב זיך פארגענומען כאטשיג איין סקונדע א טאג צו טראכטן אז קיינער קומט מיר גארנישט, מיין ווייב קומט מיר גארנישט, דער מקוה איד קומט מיר גארנישט, דער קאווע שטיבל גבאי קומט מיר גארנישט, מיין גראסערי מאן קומט מיר גארנישט, קיינער איז מיר גארנישט שולדיג, אלעס וואס איך האב איז א באנוס.

נישט נאר איך וועל עס טראכטן, נאר איך וועל יעדן טאג זאגן פאר'ן אייבערשטן, "הייליגער באשעפער געב מיר שכל איך זאל געדענקען אז גארנישט קומט זיך מיר, קיינער קומט מיר גארנישט, אלעס וואס איך האב איז א מתנת חנם פון דעם גרויסן באשעפער וואס פירט די וועלט בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים."

איך וועל אויך געבן צדקה עס זאל זיין א זכות פאר די צווי איידעלע נשמות.

איך וועל אויך לערנען משניות לעילוי נשמת די צווי טייערע אינגעלייט נשמות, ר' מענדל וויינבערגער ע"ה און ר' ישראל שלום אשרי ע"ה.

אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי אוֹיסְגַאנְג פוּן דִי וַואלְן אִין אַמֶעְרִיקֶע

שאלה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן דָאס יָאר קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַזַא שְׁרֶעקְעֶדִיגֶע יָאר, שְׁנַת תש"פ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. יֶעצְט גֵייט זַיין וַואלְן אִין אַמֶערִיקֶע אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַן אַלְטֶער אָפְּגֶעקַאלְעכְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן פִירְן אַ לַאנְד. וֶוען אִיךְ לֵיין עֶס וֶוען אִין הִיסְטָארִיעֶ בִּיכֶער וָואלְט עֶס גֶעוֶוען גַאנְץ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער עֶס מִיטְצוּלֶעבְּן אִיז גָאר שְׁרֶעקֶעדִיג.

מַיין גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּטֶע יָאר, אוּן יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, צִיטֶער אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וָואס פָאר אַ סָארְט יָאר עֶס גֵייט קוּמֶען. אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג צוּ מַאכְן אַז דִי יָאר זָאל זַיין גוּט אוּן פַיין?

יְיִשַׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן אוּמְזִיסְטִיגֶע זָארְג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי



שֵׁיין אוּן אַזוֹי זִיס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס; נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט שָׁאדְן מַאכְן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס. אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר אוּן אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוֹיבּ דֶער אִיז פְּרֶעזִידֶענְט אָדֶער יֶענֶער אִיז פְּרֶעזִידֶענְט, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין אֵיין זַאךְ 'אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט דִי תּוֹרָה'.

הֶער אוֹיף לֶעבְּן מִיט דִמְיוֹנוֹת, אוֹיבּ דֶער פְּרֶעזִידֶענְט גֶעווינְט וֶועט זַיין גוּט אוּן אוֹיבּ יֶענֶער גֶעווינְט וֶועט זַיין שְׁלֶעכְט; נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ מֶען וֶועט גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וֶועט זַיין גוּט פַאר אוּנְז אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה דֶעמָאלְט קוּמְט אַן עוֹנֶשׁ מִן הַשָּׁמַיִם.

מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שְׁנַת בְּרָכָה, אַ שְׁנַת גְּאוּלָה; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי נֵייעֶס וָואס הַאקְן אוּן לִיאַרְמֶען טָאג אוּן נַאכְט אִין קָאפּ אַז דֶער וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה אָדֶער יֶענֶער וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה. אַז דִי נֵייעֶס רֶעדְט אִין אִידִישׁ מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז דָאס אִיז כָּשֵׁר; מֶען קֶען רֶעדְן אִין אִידִישׁ, שְׁרַייבְּן אִין אִידִישׁ - אוּן עֶס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל אַ יְשׁוּעָה וֶועט זַיין נָאר אַז מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ יְשׁוּעָה וֶועט זַיין וֶוען אַלֶע וֶועלְן אֵיינְעֶרְקֶענֶען אַז 'אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ'; דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שְׁנַת בְּרָכָה, אַ שְׁנַת פַּרְנָסָה.

אַז דוּ ווילְסְט אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן - זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נֵייעֶס; נֵייעֶס אִיז אַ שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ, עֶס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכֵחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ אַרַיין לֵייגְן אַ מוֹרָא אִין אַייךְ, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי ווינְט בְּלָאזְט דֶערוֹיף, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶער פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צֵייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אֵיין טָאג אוֹיס פוּן מִלְחָמוֹת וְכַדּוֹמֶה; אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לֶעבְּן מִיט נֵייעֶס, זֵיי וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, דִי נֵייעֶס וַוארְפְט שְׁטֶענְדִיג אַ פַּחַד אוּן אַ פַּאנִיק, דָאס הַרְגֶ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶער ווִי יֶעדֶע צָרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

הֵיטִיבָה ה׳ לַטּוֹבִים
וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

יעמוד
על הברכה
ידידינו הנכבד
פארן מנדב זיין

די רענט פון

חודש אב

מו"ה
משה יחיאל
פעלדמאן
הי"ו

מו"ה
יהודה אריה לייב
ליברמן
הי"ו

מו"ה
שמשון צבי
טייטלבוים
הי"ו

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס
מוסדות זאל איך ביישטיין צו האבן בני
ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן,
מיט פול סייעתא דשמיא.

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב

רענט
קאמפיין

א מעשה פון א צדיק

קְלִיפּוֹת פוּן דִי עֲבֵירוֹת

אֵיין אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוְוענֶען הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּאפוֹילְן זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ נֶעמֶען זֵייעֶר טַלִית וּתְפִילִין אוּן קוּמֶען צוּ אִים, נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיף אַ וָואגְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן. בִּיז אִינְמִיטְן וֶועג אִיז גֶעוֶוען אַ קְרֶעטְשְׁמֶע וָואס דָארְט הָאט זִיךְ דֶער מַגִיד אָנְגֶערוּפְן: "דָא דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן."

דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶנְדֶל פוּן וִויטֶעבְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאל אַרַיינְגֵיין אִין קְרֶעטְשְׁמֶע זֶען אוֹיבּ מֶען קֶען דָארְט דַאוְוענֶען.

עֶר גֵייט אַרַיין אוּן קוּמְט צוּרִיק זָאגְן אַז דִי הוֹיז אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט נִידֶערִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע גוֹיִם, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן דָארְט, אוּן אִיז זִיכֶער נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ דַאוְוענֶען אִין דֶעם שְׁטוּבּ. הָאט דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד גֶעבֶּעטְן זַיין תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאל אַרַיינְגֵיין. עֶר גֵייט אַרַיין אוּן קוּמְט צוּרִיק זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ.

לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים, וַוייל נָארְמַאל אִין פָארְנְט פוּן אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט פֶערְד אוּן וֶועגֶענֶער וָואס הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן דָא אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין פֶערְד אוּן וָואגְן, אִיז פוּן וואוּ זֶענֶען דִי אַלֶע גוֹיִם?!

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן זַיין קָאפּ אוּן זִיךְ פַארְטִיפְט זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין אַ טִיפְן דְבֵיקוּת, אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין קָאפּ אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֵיי אַרַיין אוּן אַלֶע זָאלְן מִיר נָאכְגֵיין." וִוי נָאר דֶער מַגִיד הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְגֵיין, אִיז גֶעוָוארְן פְּלַאץ עֶר זָאל קֶענֶען אַדוּרְכְגֵיין מִיט דִי תַּלְמִידִים. דֶער מַגִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן טַלִית וּתְפִילִין, אוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעטוּן דִי זֶעלְבֶּע אוּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוְוענֶען.

אַלֶע נִידֶערִיגֶע גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן וַוייזְן מָאדְנֶע פַּאקְסְן אוּן תְּנוּעוֹת, כְּדֵי צוּ שְׁטֶערְן זֵייעֶר דַאוְוענֶען, אָבֶּער דֶער מַגִיד הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי הַאנְט פַאר דִי תַּלְמִידִים "קוּקְטְס נִישְׁט אוֹיף זֵיי, דַאוֶוענְטְ'ס וַוייטֶער." וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ בָּרְכוּ זֶענֶען אַלֶע עֶלְטֶערֶע גוֹיִם אַרוֹיס פוּן דָארְט, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי יוּנְגֶע שְׁקָצִים'לֶעךְ אִין אַלֶע זַייטְן. זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ פְּרָאבִּירְט צוּ צֶעשְׁטֶערְן דֶעם דַאוְוענֶען מִיט זֵייעֶרֶע מָאדְנֶע קוֹלוֹת אוּן לֵיצָנוּת, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זִיךְ פוּן זֵיי נִישְׁט וִוידֶענְדִיג גֶעמַאכְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין זֵכֶר פוּן זֵיי. דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וַוייל קַיין שׁוּם טִיר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט, אִיז פוּן וואוּ זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס?

וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוְוענֶען אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן דֶער מַגִיד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אִינְטֶערֶעסִירְן אִיבֶּער אִים אוּן וֶועגְן זַיין מַצָב הַפַּרְנָסָה, דֶער בַּעַל הַקְּרֶעטְשְׁמֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין מַצָב אִין פַּרְנָסָה אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ עֶס אִיז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס קַיין אֵיין גוֹי אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָא טְרִינְקֶען. דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף זַיינֶע וֶוערְטֶער, וַוייל אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק אִיז דָא גֶעוֶוען אַ הוֹיז פוּל מִיט גוֹיִם. אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי שְׁמוּעֶס וַוייטֶער גֶעצוֹיגְן.

אִינְמִיטְן רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל הַקְּרֶעטְשְׁמֶע: "אִיךְ הַאלְט יֶעצְט בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן מַיין זוּן אוּן זֵיי (דִי נִישְׁט גוּטֶע) הָאבְּן גֶענוּמֶען סֵיי מַיין זוּן דִי חָתָן, אוּן סֵיי דִי כַּלָה צוּ זִיךְ." הָאט דֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "רָשָׁע!! צוּ זִיךְ, צוּ זִיךְ" (וִוי צוּ זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט דֶער וָואס הָאט פַארְכַאפְּט דִי כַּלָה צוּ זִיךְ). גְלַייךְ הָאט דֶער בַּעַל הַקְּרֶעטְשְׁמֶע גֶע'חַלֶשְׁ'ט. וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְוַדֶה זַיין פַארְן מַגִיד אַז עֶר הָאט לֵיידֶער זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט מִיט דִי כַּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר בֶּעט אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶע מַגִיד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי תַּלְמִידִים: "דִי עֶלְטֶערֶע גוֹיִם וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָא זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פוּן דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי כַּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דוּרְךְ מַיין דַאוְוענֶען בִּיז בָּרְכוּ זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן בָּטֵל וּמְבוּטָל, דִי יוּנְגֶע שְׁקָצִים'לֶעךְ זֵיי זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אִינְדֶערְהֵיים רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט מְבַטֵל זַיין נָאר נָאכְן דַאוְוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

זֶעט מֶען פוּן דָא וָואס עֶס פַּאסִירְט פוּן דִי עֲבֵירוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן גֶעפֶערְלִיכֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף אוֹיפְן מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אִים, אוּן אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט מוֹרָא'דִיג אַסַאךְ צָרוֹת פוּן דֶעם, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שיחות מוהרא"ש חלק א', ערך קליפות)

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

פ"ו

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

אִין דִי שְׁטָאט נֶעמִירוֹב הָאט דֶעמָאלְט גֶעוואוֹינְט אַ חָשׁוּבֶער אִינְגֶערְמַאן מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַתְמִיד עָצוּם, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפּוֹסְקִים.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער מַתְמִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן דִי חֲסִידִישֶׁע וֶוערְטְשַׁאפְט וִוי מְ'פַארְבְּרֶענְגְט מִיט סְעוּדוֹת אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אִין דִי צַייט וָואס מְ'פַארְבְּרֶענְגְט אוּן מְ'שְׁמוּעֶסְט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת ה', אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סִיפּוּק דֶערְפוּן.

עֶר הָאט גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי זֵיי אוּן זַיין אַן אֶמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי יֶעדְן צַדִיק בַּאזוּנְדֶער, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי דָאס צוּ קֶענֶען דֶערְגְרַייכְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהַאט פִילֶע עֲלִיוֹת אוּן יְרִידוֹת, אוּן אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזֶעסְן מִיט חֲסִידִים, תַּלְמִידִים פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע, בַּיי אַ סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה, אוּן מְ'הָאט גֶעוָוארְפְן גוֹרָל וֶוער סְ'זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְל, דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן דִי בֵּייגְל.

אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט פוּן זַיינֶע עֲלִיוֹת אוּן יְרִידוֹת, עֶר אִיז וִוידֶער גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט מִיט זַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶס אִיז אִים אַרַיינְקוּמֶען שְׁטַארְקֶע הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן, "צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?! צוּ קוֹיפְן בֵּייגְל?!", עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְבִּיטֶערְט.

עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל, וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן, דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ פֶענְסְטֶער, אוּן אִיז דָארְט אַרוֹיף אִין וַוייבֶּער שׁוּל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין. עֶר הָאט גֶעזָאגְט קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל, וֶוען טְרֶערְן גִיסְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן אִיבֶּער זַיין מַצָּב, וָואס וֶועט זַיין דֶער תַּכְלִית פוּן אִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוּן זִיךְ גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן גֶעוֵויינְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּכִיוֹת אָן אוֹיפְהֶער, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּקִילְן זַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ.

בִּיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קַאפִּיטְל נ', עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט אַזוֹי אוֹיף דֶער עֶרְד.

עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ לֵייטֶער אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן זַיין שְׁפִּיץ דֶערְגְרַייכְט בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר הוֹיבְּט אָן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אַבִּיסְל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, אָבֶּער עֶר פַאלְט צוּרִיק אַרָאפּ, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֵיין נָאךְ אַבִּיסְל, אָבֶּער עֶר פַאלְט וִוידֶער אַרָאפּ, אוּן אַזוֹי פְּרוּבִּירְט עֶר נָאכְאַמָאל, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיז עֶר מַצְלִיחַ אַרוֹיפְצוּגֵיין אַבִּיסְל הֶעכֶער, אָבֶּער וִוי הֶעכֶער עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אַלְץ אִיז דֶער קְלַאפְּט פוּנֶעם פַאלְן גֶעוֶוען גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען הִיבְּשׁ הוֹיךְ, אוּן דַאן שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דָארְט, אוּן מֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֵיין.

אוּן דַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֵיינֶער אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ!".

וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

דער עושר קען נישט העלפן

ישראל דוד העסקעל

ער גייט ארויס פרי פון אפיס, זיינע טריט זענען געוואנדן גלייך צום ציון אין קרית יואל זיך אויסבעטן ביים הייליגן סאטמאר רבינ'ס ציון, ער דארף נישט יעצט עפעס א ספעציעלע ישועה, נאר ער שפירט אז עפעס ציט אים, ער וויל ארויפגיין זאגן אפאר קאפיטלעך תהילים.

ער איז גאר א שיינער איד, געלט האט ער ווי וואסער - אן עושר מופלג - ער האט ביזנעסער מיט ריעל עסטעיט, א שטאב מיט ארבייטערס, א גאנצע מלוכה פירט ער, ס'גארנישט אזוי פשוט... ער איז אבער זייער אן ערליכער, א גרויסער בעל חסד און בעל צדקה, ווען ער האט אפאר ליידיגע פאר מינוט כאפט ער זיך אריבער צום ציון.

אין קאר אויפן וועג ארויף ענדיגט ער נאך צו די פאר טעלעפאן קאלס פארן טאג, ער פארשליסט די קאר, קנעפלט זיך צו זיין רעקל, מאכט זיך גראד דעם היט, גארטלט זיך צו, און גייט ארויף דעם בארג.

ער נעמט א תהלים און עפענט אויף, ער הייבט אן זאגן עטליכע קאפיטלעך. ס'איז גאנץ ליידיג דארט, ער טראכט צו זיך, יעצט קען איך זיך אויסבעטן מיט ישוב הדעת מיט א רואיגקייט, קיינער וועט מיר נישט שטערן.

אזוי ווי אבער ער וויל נאר אנהייבן זאגן תהילים, קומט אריין נאך עפעס א איד מיט כמעט די זעלבע סצענע פון פריער, ער גייט צום שענקל, נעמט א תהילימ'ל, צינד אן א לעכטל, ער הייבט אן תהילים, און פלאצט אויס אין א הילכיגער געוויין!

דער עושר דער שיינער איד שטייט דארט אומבאקוועם, ער וויל נאר דער סענזאציע זאל זיך שוין ענדיגן... דער אידל אבער וויינט און כליפעט אן אויפהער, ער קען זיך נישט כאפן זיין אטעם.

אוי נעבעך פאר דעם צובראכענעם איד, ווער ווייסט וואס ער גייט יעצט אדורך?! טראכט זיך דער עושר, מסתמא גייט ער אריבער עפעס א שווערע פרשה, הממ שוין נאך א מינוט וועט ער זיך בארואיגן...

אבער דער איד פלאצט אויס אין אזא

טיפע געווין, ער קען נישט קומען צו זיך, די הארץ איז אים אפן, ס'גיסט זיך טייכן טרערן פון אים ביים אפענעם תהילים, ער וויינט נאך און נאך הויך אויפן קול כאילו קיינער איז נישט דא, דער עושר קען ממש נישט קומען צו זיך.

מן הסתם האט ער נישט קיין פרנסה טראכט ער צו זיך, ער מוטשעט זיך נעבעך ער האט זיכער נישט אויף צרכי חיים, איך קען אים העלפן.... אבער דער איד בארואיגט זיך נישט, און דער עושר טראכט אזוי צו זיך הממ נאר פרנסה מן הסתם האט ער אויך נישט קיין קינדער, אזוי צובראכן נעבעך, קוק ווי ער וויינט, אויש איך מוז אים העלפן!

דער עושר שטעלט זיך אין די זייט ווארטן פאר דעם איד זאל ענדיגן מתפלל זיין, אבער ער גייט ווייטער אן ער גיסט זיך אויס זיין הארץ ביים ציון פון א צדיק, דער עושר זעהט שוין אז מן הסתם איז זיין גאנצע שטוב נישט מסודר, אפשר גייט ער זיך גט'ן אוי ווי נעבעך נישט קיין געלט, נישט קיין קינדער, און זיין ווייב גייט ער אויך פארלירן. אוי טאטע! איך וועל אים אויפרעכטן.

איך גיי אים שרייבן אן אפענעם טשעקל, זיין ווייב וועט זען אז ער איז יא א מוצלח וועט ז' וועלן בלייבן מיט אים, און ווער ווייסט אפשר וועט זיין גאנצע מזל זיך טוישן, ער וועט זיך שטעלן אויף די פוס, אנהייבן מאכן אפאר דאלער, און זיכער נאכדעם וועט שוין קינדער אויך נאכקומען, איך גיי איבערדרייען זיין מזל!

איך פארשטיי שוין, מן הסתם בין איך יעצט דא געקומען צו זיין א גוטע שליח צו העלפן דעם רחמנות'דיגער איד נעבעך, שוין איך וועל צו ווארטן נאך אפאר מינוט און איך גיי אים ראטעווען!

נאך א שטיק צייט דער עושר שטייט אינדרויסן פונעם ציון, און דער איד קומט שוין ענדליך ארויס. דער עושר צעגערט נישט, ער לויפט גראד צו צו דעם אידל און הייבט אן זיין גאנצע פאראויס אנגעגרייטע דרשה.

"הער מיר גוט אויס" זאגט ער אים בשעת'ן ארויפלייגן זיין רעכטע האנט אויף דעם אידלס פלייצע "מיר האט דער רבונו של עולם באשאנקען מיט אלעם גוטן, איך האב א פיינע שטוב, איך האב לעכטיגע קינדער, איך האב געלט ווי וואסער, מיר פעלט גארנישט אז איך בין דא פונקט יעצט געווען ווען דו האסט זיך אזוי צוכליפערט, שפיר איך ווי א שליח פון הימל אז איך מוז דיר העלפן".

ער ציט ארויס דעם טשעק ביכל פון טאש

און זאגט פאר דעם איד: "דו זאג א נאמבער, און ס'איז דיינס, דו וועסט זעהן דיין גאנצע מזל גייט זיך דיר איבערדרייען לטובה אלעס גייט דיר אנהייבן גיין גוט פון יעצט לאמיר הערן וואס דארפסטו?

דער איד קוקט אן דעם עושר מיט א האלבע שמייכל און זאגט אים מיט אן אידעלע טאן: "דאס וואס איך דארף קענסטו מיך נישט געבן! דו קענסט האבן אלע געלט, אבער וואס איך דארף וועל איך פון דיר נישט קענען באקומען..."

דער עושר שטייט פארוואונדערט און קלאפט מיט זיין פענע אויפן טשעק ביכעלע "ר' איד גלייבט מיר, יעדע סומע וואס דו וועסט זאגן וועל איך דיר געבן, איך זאג דיר איך קען דיר העלפן דו ווייסט נישט וויפיל איך האב."

"ניין ניין, איך זעה אז איר פארשטייט נישט ערעב עושר, קוק אהער איך האב א פיינע ווייב מיט לעכטיגע קינדערלעך, איך האב א גרויסע הויז מיט א פיינע ביזנעס און אנגעפילטע באנק אקאונט איך דארף פון אייך זערא - גארנישט."

"אויב אזוי" פרעגט דער עושר אינגאנצן פארוואונדערט "וואס זענען געווען די בכיות נוראות, אויב אלעס איז דיר אזוי גוט, וואס האסטו זיך אזוי צעוויינט ממש ווי א קינד וואס איז פארלוירן?"

"וואס זאל איך אייך זאגן" זאגט דער איד "איך האב מיך צעוויינט אז איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן, איך וויל זיך קענען שטארקן אויף מיין ברענענדיגע יצר הרע."

"איר ווייסט אז באלד גייט מען פון דא? קיינער לעבט נישט אויף אייביג... איך וויל זיך נישט דארפן שעמען ווען איך גיי אוועק פון דער וועלט, איך וויל זוכה זיין צו קרבת אלוקים, צו א ריינע מח, צו קענען זיין ערליך און אפגעהיטן."

דער עושר שטייט דארט פארוואונדערט און פארגליווערט, אויף דעם האט ער זיך שוין נישט געקענט רעכענען... ס'האט אים געכאפט ווי דינער אינמיטן העלן טאג, ער שטייט דארט ווי א פארפרוירענער... דער אידל ציט ארויס א קארטעלע פון טאש און געבט אים אהין "דא האט איר די האטליין נומבער, וועט איר אויך קענען בענקן צום אייבערשטן און וועלן זיין אן ערליכער איד, לעבן מיט זכרון פון עלמא דאתי."

דער ראש ישיבה זאגט: דאס איז די אמת וואס דער רבי ברענגט אין אונז אריין, דער רבי הייבט אונז אויף אזוי הויך, דער רבי נעמט אונז פשוטע מענטשן און לייגט אין אונז אריין אזעלכע השגות.

דער ראש ישיבה זאגט: ביי אלע קברי צדיקים קומט מען זיך אויסבעטן א ישועה, איינער פרנסה, איינער א שידוך, איינער קינדער, יעדער בעט זיין זאך וואס ער דארף. אבער ווען מ'קומט צום הייליגן רבינ'ס ציון בעט יעדער איינער 'קרבת אלוקים', מ'פלאצט אויס אין א געוויין מ'וויל שוין זיין ערליך פון יעצט, מ'טוט תשובה, מ'באקומט א ריינע הארץ, אין די זייט בעט מען שוין אויך פאר אלעס וואס מ'דארף, פרנסה, קינדער און אזוי ווייטער.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען זיין דא ביים הייליגן רבי'ן, זיין אין היכל הקודש און לעבן מיט די לימודים און עצות פון רבי'ן. איך גיי פארגינען פאר יעדער איינעם דעם זיסן לעבן וואס איך האב דא באקומען, איך נעם א פעקעלע קארטלעך אין טאש, איך גיי ארומגיין אויסטיילן די אונגארישע ווין פאר יעדן איינעם!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
הר"ר יונה
זינגער שליט"א
דומ"ץ קרית
ברסלב

הלכות הדלקת הנרות

הקדמה קצרה: די מצוה פון הדלקת נרות שבת האט צוויי חלקים 1. דער עיקר מצוה איז צו צינדען דארט ווי מען עסט 17) 2. אויך זאל מען צינדן אין אלע אנדערע פלעצער ווי מען דרייט זיך דארט שבת קודש 18) ווי למשל שלאף צימערן האל-וועיס 19) אין בית הכסא זענען אויך א חלק פון די מצוה כדי אז עס זאל דארט זיין לעכטיג 20) (מג"א סק"א בשם מטה משה). די פוסקים זאגן אבער אז היינט איז מען דאס מקיים דורך אנצינדען די לעקטער 21) (כן יוצא לי מעמק התשובה ח"ג סי' ע"ח, וכ"כ בדברי יציב או"ח ק"כ).

ט"ו) עס איז גוט אז מען זאל אנצינדן די לעקטער ספעציעל לכבוד שבת (שו"ת שבט הלוי ח"ג סי' כ"ד) און נישט עס זאל ברענען פון בייטאג. עס איז גוט אז מען זאל ארויסזאגן אז מען צינדט עס אן "לכבוד שבת קודש" 22).

ט"ז) אין שפיטאל וכדומה ווי מען לאזט נישט אנצינדן קיין פייער זאל מען אנצונדן די לעקטער אן א ברכה 23), און זאגן לכבוד שבת קודש.

י"ז) אויב האט מען נישט קיין הנאה פון די לעכט, ווי למשל מען צינדט און מען גייט אוועק עסן ערגעץ אנדערש, און ווען מען קומט אהיים ברענען שוין נישט די לעכט איז עס א ברכה לבטלה 24) (מחבר סעיף י').

י"ח) אויב מען וויל גיין עסן ביי די עלטערן אדער מען גייט צו א שמחה וכדומה, און ווען מען קומט צוריק ברענען שוין נישט די לעכט, איז דא אפאר וועגן ווי אזוי עס זאל נישט זיין קיין ברכה לבטלה, 1. מען זאל צינדן גרויסע לעכט, אדער לייגן אסאך אויל אין די אויל לעכט כדי עס זאל ברענען ווען מען קומט צוריק אהיים. 2. נאכן לעכט צינדן זאל מען זיך אוועקזעצן נעבן די לעכט און הנאה האבן פון די לעכט 25) 3. דער מאן זאל נאכן דאווענען אהיימגיין און נעמען עפעס ווי למשל טוישן צו א טיש בעקיטשע, אדער קען מען צינדן דארט ווי מען עסט.

י"ט) היות דער עיקר מצוה איז עסן ביי די לעכט, דארף לכתחלה די לעכט ברענען במשך די גאנצע סעודה 26) (קיצור ש"ע ע"ה סעי' ב') בשעת הדחק זאל עס ברענען כאטש ביז נאך קידוש (שו"ע סי' רס"ג סעיף י').

כ) די לעקטער אינדערהיים זאל ברענען ווילאנג עס זענען נאך דא מענטשן וואס זענען נאך אויף 27) (מחצית השקל סקט"ז).

הערות

17) כ"כ ברש"י הק' שבת כה: ד"ה הדלקת נ"ש חובה, וז"ל: כבוד שבת הוא שאין סעודה חשובה אלא במקום אור כעין יממא בפ' בתרא דיומא (עה:) וכ"כ בתוס' ד"ה הדלקת נ"ש חובה: פי' במקום סעודה, דחובה היא שיסעוד במקום הנר משום עונג, ועי' בשו"ת שבט הלוי ח"ג סי' כ"ד וז"ל בא"ד: דעיקר התקנה להדליק במקום א' [במקום האכילה] והעובר ע"ז נקרא עובר אדרבנן: ועי' מ"ב סקל"ט.

18) מטה משה סי' תי"ט כ' דינו היצא לו מהמרדכי סי' רצ"ד, בחורים ההולכין ללמוד חוץ מבתיהם צריכין להדליק נר שבת בחדרם, ולברך עליו משום דהדלקת נר בשבת חובה משום שלום בית שלא יכשל בעץ ובאבן, אבל מי שהוא אצל אשתו אי"צ להדליק בחדרו ולברך עליו לפי שאשתו מברכת בשבילו ע"כ המרדכי, ומש"ה נראה מי שיש לו כמה חדרים והולך מן בית לחדר, שצריך להיות נר אחד בכל המקומות שיש לחוש שמא יכשל שם, וכן קבלתי מן המדקדקים במצוה, ואפשר ע"ז כיוונו מה שאמרו (שבת כג:) חזא דהוי רגיל בשרגא טוב, כלו' הרבה עכ"ל.

וכ' ע"ז שבט הלוי הנ"ל וכל הרואה יראה דאין דרך דקדוק מצוה וחומרא כ' כן דזה היה חסידתו של דר' אבין נגרא, ומוחכ דכו"ע לא הוי זהירי בהא.

19) ראיתי באיזה ספרי זמנינו פסקי תשובות אות ה' - ס' שבת בשבתו, שכ' דיש מצוה של הדלקת נירות ברחובות העיר ובמואות שעוברים שם, ויוצא להם ממשנה יומא פ"ד משנה ד' מדליקין במואות האפלים וכו'. לענ"ד במחילת כבודו אינו כן, כי בעצם הדין להדליק בשאר חדרים כשאין אוכלים שם, אינו כ' בפי' הטור ובמחבר, אלא מג"א סק"א מביא בשם מ"מ, ובמ"מ עצמו כ' בפירוש דאינו כ"א חומרא ודוקדוק עיי"ש סי' תי"ט, עיכ"ז בשבה"ל ח"ג סי' כ"ד, ומ"מ עצמו מביא דינו ממרדכי באמור באות 18) ואינו מביא ממשנה מפורשת אתמהה? אלא מאי משנה אינו דובר מחיוב הדלקת נ"ש או יו"כ אלא מרשות, דהיינו לפני"ז כ' מקום שנהגו להדליק מדליקין, ושלא להדליק אין מדליקין - מסיים דבהא, דהיינו מבואות האפילים מותר לכו"ע, ועי' מ"ב סי' תר"י סק"ח על המחב' שכ' דין הנ"ל של מדליקין במואות האפלים כ', וז"ל ובכל אלו אין לדרך לכו"ע דאין כאן משום שלום בית, ודו"ק.

20) בס' שבת בשבתו העלה דבר נאה: בענין, דאין זה שייכות למשכ' ברמ"א (ס' רע"ה סעי' י"ב) דנהגו לכסות הקטנים שלא יהיו ערומים בפני הנירות משום ביזוי מצוה, רמ"א באותם הנירות שמדלקין לכבוד המצוה, משא"כ אלו שמדליקין בחול ג"כ אעפ"י שמדליקין עכשיו לכבוד שבת אינו בכלל.

21) בתניא בקונט"א סק"א כ', וז"ל לעשות נר יפה ודאי קיימו אנר שמברך עליו ואוכל לאורו, ולא על נירות דלא יכשל בעץ ובאבן, מדסיימו לעשות שני פתילות דהיינו שני נירות לדידן, וזה אין עושין כ"א על השולחן ע"כ, נראה באור דבריו הק' דהענינים והחמרות וכו' אין עושין כ"א על נירות שהמה העיקר מצוה, משא"כ, אותן שאינם כ"א שלא יכשל אי"צ לדקדק כ"כ, ובעמק התשובה כ' דבשאר נירות חוץ מא' ומ"ב עיי"ש יכול לטלטל, דהיינו במג"א סקכ"ג כ' דאם הדליק במקום החיוב מותר לטלטל אח"כ אלא בלבוש מחמיר גם בזה הו"ד במ"ב סקמ"ח, כנראה נירות שבת שרוצה להניח בשאר חדרים שהמה משום שלא יכשל, סמך על עיקר הדין של מג"א דמותר לטלטל, ה"ה לענינינו.

היות דיש מחלוקת באחרונים האם מותר להדליק בעלעטערי"ק - עי' בשו"ת בית יצחק (יו"ד ח"א סי' ק"כ, ח"ב סי' ל"א) שו"ת מחזה אברהם סי' מ"א, שו"ת אחיעזר ח"ד סי' ו' שו"ת דברי ישראל או"ח סי' ע"ג - המה מתירין:

לבושי מרדכי (מהדורא ג' סי' נ"ט) שו"ת פקודת אלעזר (סי' כ"ג) משפטי עוזיאל (ח"ב סי' ל"ה) שו"ת מהרש"ג (ח"ב סי' ק"ז) ובשו"ת ירושת הפליטה {גיסו של האדמו"ר מ'קלויזענבורג זצ"ל בזיו"ר} סי' ו' ז', אוסרים, נראה דבשאר חדרים דאינם אלא משום שלא יכשל יש לסמוך על פוסקים אלו.

22) בשו"ת תשובות והנהגות כ' (ח"ב סי' קנ"ז) שיש מהדרין לכבות הלעקטע"ר, והיא ידליקו הנירות לכבוד שבת - והברכה יעלה על שניהם

23) כי ספק ברכות להקל, כי להרבה אחרונים אין יוצאים בגמר העלעקטערי"ק - מידי ספיקא לא יצאנו מה דאפדר לעשות יעשה.

24) לשון מ"ב סקמ"א: כיון שאי"י לעשות שום תשמיש אצלן כשחוזר אח"כ לביתו בלילה [עי"ש הטעם] שלא יכשל בעץ ואבן לית ביה משום ש"ב

25) מ"ב סקמ"א, עי' שער הציון סקמ"ד שחולק על מג"א.

26) איה"נ שכתבנו באות הקודם בשם המ"ב דאם נהנה קצת מספיק בכדי שלא יהיה ברכה לבטלה, עי' באחרונים קיצוש"ע (סי' ע"ה ס"ב) וז"ל: ויהיו ארונים שידלקו לכל הפחות עד לאחר האכילה

27) טעם שלא יכשל שייך כ"ז שיש בנ"א שעדיין נעורים.

לזכות נפתלי הירצקא בן רחל גיטל לאה להצלחה בכל ענינים

א אינגערמאן פון אנשי שלומינו דארף הילף צו דעקן זיין טיקעט אויף אומאן ראש השנה.
ביטע רופט 972-527-128416

נאראפאטיגע פרישטאגס פאר קימפעטאריןס דעליווערט צום שטוב
רופט מרת פינטער 347-415-2888
אדער מרת שטיינבערג 917-387-7838

תפילין גמ"ח

אויב איר געבט בודק צו זיין אייער תפילין, אדער איר האט נישט אייער תפילין מיט אייך, קענט איר אריינרופן בארגן תפילין פאר א טאג צוויי.
רופט 917-968-8316
לע"נ ר' משה בן ר' דוד ע"ה

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
מו"ה אלחנן רוטה הי"ו
וזוגתו נחמה אסתר תחי'
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער ווייטער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
מו"ה משה גאטליב הי"ו
וזוגתו גיטל תחי'
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער ווייטער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
מו"ה יואל משה מייזעלס הי"ו
וזוגתו שרה תחי'
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער ווייטער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו
וזוגתו בריילא תחי'
צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער ווייטער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
הראש ישיבה שליט"א
וזוגתו תחי'
צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער ווייטער געזונטערהייט.

Get care at home.

TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH

We accept most insurance plans

PRESCRIPTION REFILLS
STREP CULTURES
FLU & COVID/ RSV TESTING
SEASONAL ALLERGIES
EAR EXAMS
RASHES/ PINK EYE
URINE CULTURES
LAB-WORK

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030

Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care

SERVICING AREAS CATSKILL & BROOKLYN

די ערשטע סטאפ אויפן וועג אין קאנטרי

100

קרית ברסלב
ספרים
& judaica

Free Delivery with minimum order

שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס

אפען טעגליך - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

מיר האבן א רייכע אויסוואל
פון אלע, games, Judaica
און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר
א רידיגע אויסוואייל פון אלע
סארטן זילבער פילד כלים.
מיר זענען אפען א גאנץ יאר

347.578.4449

51 Twin Bridge Rd.
Liberty N.Y. 12754
left side entrance

HURLEYVILLE LEASING

STAY UP ALL NIGHT...
WITH 2024 NEXT-GEN CHEVY TRAVERSE
SELF DRIVE TECHNOLOGIES.

845-720-0041 SALES@HURLEYVILLELEASING.COM WWW.HURLEYVILLELEASING.CO

Delicate Rose
FINE LINGERIE
LIBERTY, NY | 347.693.7915

OPEN ALL YEAR ROUND
CALL FOR SUNDAY AND
EVENING APPOINTMENTS

CERTIFIED
KAYE LARCKY
FITTER

ABERGELE VA BIEN YOU FITFULLY YOURS GEMSLI KAYE LARCKY

End summer sale

Sunday 8/26 from 12:00 to 6:00
Girls and babies only
$49 a pair, self serve.
73 Huschke Rd Liberty NY

UPPER SHOES

קרן הדפסה היכל הקודש

שמואל ב.

קרן הדפסה היכל הקודש: די פראכט און שיינקייט פון היכל הקודש. דער מאיעסטעטישע בנין וואס שטייט מיט א גראדע רוקן אינעם קליין שטעטעלע ליבערטי. דער מקום איז טאקע פראכטפול און ריזיג גרויס, אבער עס קומט נישט צו צו וואס קרן הדפסה האט שוין אויפגעטון אין לויף פון די יארן, וויפיל אידן זענען שוין געהאלפן (אדער ווי מ'קען זאגן - געראטעוועט) געווארן פון אט דעם בנין.

די פראדוקטן וואס קומען ארויס פונעם בנין איז שוין היינט ברייט באקאנט פאר אלעמען, וואו מען גייט און וואו מען שטייט זאגן אלע בפה מלא אז די ספרים, קונטרסים, גליונות און פיל מער - וואס ווערן פאבריצירט אינעם בית הדפוס איז דאס וואס האלט זיי ביים לעבן. פשוטו כמשמעו.

אין די יעצטיגע טעג, ווען אנשי שלומינו אלטוועלטליך רופן זיך אן ווארעם ארויסצוהעלפן דעם קרן הדפסה מיט גרעסערע נדבות, איז ממש די פאסיגסטע צייט זיך אריבער צו כאפן אינעם קרוב-צו-צען-טויזנט-סקווער-פיסיגע בנין, און אפשטאטן א דעטאלירטע באזוך אינעם הפצה פאבריק און אנהייבן כאטש אביסל צו וויסן בערך וואספארא אפעראציע עס טוט זיך דארט אפ טאג טעגליך.

אנשטאט איך זאל מיך אליין אומקוקן און פרובירן צו געוואויר ווערן וואס טוט זיך, וועלן מיר אריינקלאפן ביי א טייל פון די אינגעלייט פונעם קרן הדפסה שטאב, פרעגן פון זיי א שאלה צוויי דריי, הערן פון זיי אביסל מער וואס טוט זיך.

כדי נישט צו שטערן די הייליגע אפעראציע פון פארן ווייטער און איר טאג טעגליכן סדר, שפאציר איך אריין אינעם בנין שטילערהייט אן אפשמועסן פון פאראויס, און לאמיר זיך שוין איינמאל באקענען וואס עס טוט זיך אלס אפ אינעם גראנדיעזן בנין און אירע פליגלען.

אשר יעקב בלום

מנהל קרן הדפסה:

דער קרן הדפסה איז ביז נישט לאנג צוריק געווען סטאנציאנירט אינעם בנין הישיבה אין וויליאמסבורג, וואס האט צוגעברענגט אז מען האט עס ארויפגעברענגט אין שטעטל?

געווען איז דאס זומער תש"פ ווען מען האט דעמאלטס געהאלטן ממש אנהייב ווען דעם שטעטל קרית ברסלב איז געגרינדעט געווארן און א גרויס חלק פון די קינדער וואס לערנען היינט צו טאגס אין אונזער מוסדות אין שטעטל האבן דעמאלטס געלערנט אין וויליאמסבורג, דער מוסדות אין וויליאמסבורג איז אנגעקומען צו א שטאפל אז עס איז שוין נישט געווען קיין פלאץ אינעם בנין פאר די קינדער צו לערנען, מען איז געווען געצווינגען צו צולייגן קלאסן פאר די קינדער און עס איז פשוט נישט געווען וואו.

דעמאלטס האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס איז פשוט א שאד אז דער בית הדפוס זאל ווייטער זיין אין וויליאמסבורג - ווי יעדע סקווער פיס איז ווערד א הון תועפות, מען קען אריבערציען דעם פעקטארי מיט אלע אירע גיגאנטישע מאשינען אין שטעטל ארויף, און דארט וואו עס איז געווען דער בית הדפוס וועט מען רענאווירן און מאכן שיינע קלאסן. וכך הוה.

לויט ווי איך געדענק האט מען זיך דעמאלטס אריבערגעצויגן צו א בנין אויף האשקי וואס מען האט געבויעט ספעציעל פאר דעם (היינט באקאנט אלס היכל ראזענבערג), פארוואס האט מען זיך אזוי שנעל געדארפט ארויסזען פון דארט?

הארט נאכן אריינמופן האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מקום איז צו קליין, דער בית הדפוס ווערט נאר גרעסער

און גרעסער, און כדי צו קענען נאכקומען מיט די ארבעט מוז מען זיך אריבערציען פון פריש צו א נייע לאקאל ווי מען וועט האבן וואו זיך צו רירן, און אוודאי קענען וואקסן און זיך אויסברייטערן ביתר שאת וביתר עוז.

הנהלת בית הדפוס האט זיך ארויסגעלאזט אויפן יאגד זיכענדיג א בנין וואס איז געאייגנט פאר אירע באדערפענישן, פארשטייט זיך אליין אז דער ערשטער שטאפל איז תפלה, אן בעטן דעם אייבערשטן גייט גארנישט, אלע וואס זענען געווען פארמישט דערין האבן נישט אויפגעהערט בעטן דעם אייבערשטן מען זאל טרעפן א בנין וואס איז פאסיג פארן קרן הדפסה, און נאך אסאך אסאך תפלה און ארײנלייגן איבערמידליכע כוחות אין די זוכענישן, האט מען זיך אנגעשטויסן מיט דעם גיגאנטישן בנין, און ביז א קורצע צייט האט מען אהער געפירט די גאנצע אפעראציע צום דאזיגן בנין, ווי עס ווערט גענוצט ביז היינט.

צווישן אנשי שלומינו זענען דא אסאך אינגעלייט, וואס האט דיך געמאכט ארײנצוטאנצן אינעם בית הדפוס און ארבעטן טאג טעגליך עס אויפצובויען?

זייער א גוטע שאלה פרעגסטו, דער תירוץ איז זייער פשוט. א איד האט דאס געטון פאר מיר, וועל איך עס טון פאר א נאך א איד.

עס ליגט מיר נאך גוט אין די ביינער ווען איך בין געזעצן אלס בחור אין א בית המדרש און געווארט אויף מנין, ווען מיט-אמאל זע איך אויפן טיש א ספר אשר בנחל, און ווי נאר איך האב געעפנט דעם ספר האט איך געשפירט ווי די ווערטער רעדן צו מיין הארץ, און אויפן ארט האב איך אפגעמאכט אז אויב איך האב זיך דערוואוסט פון די ליכטיגע עצות פון הייליגן רבי'ן, וועל איך טון אלעס אין דער וועלט אז נאך אידן זאלן אויך וויסן דערפון.

יוסף יאקאבאוויטש

אפיס:

וואס ווערט אלץ געטון אין אפיס פון קרן הדפסה?

אלעס וואס גייט דורך די טיר דארף אויך דורכגיין די אפיס. ארדערס פון מפיצים, ארדערס פון די וועבסייט, פאפיר, קויפן מאשינען, פאררעכטן מאשינען, בוקקיפינג, און פיל מער.

אויך ווען מען דארף מאכן גראפיקס פאר א דעקל אדער אינהאלט פון א ספר וואס איז ערווארטעט ארויסצוקומען, אדער איבערמאכן א ספר וואס האט נאכנישט קיין געהעריגע ספעציעלע שיינע דעקל



דערפאר, דארף די אפיס זיכער מאכן אז עס ווערט געטון, און אויף די ריכטיגע וועג.

אז דו האסט דערמאנט איבערמאכן דעקלעך וויל איך טאקע פרעגן, ווי אפט מאכט מען איבער א ספר?

מיט יארן צוריק, נאך פאר דער קרן הדפסה איז געווען אזא אוועקגעשטעלטע פאבריק מיט סאפיסטיקירטע מאשינען און פראיעקטן האט מען אויך ארויסגעגעבן קונטרסים, עס איז פשוט נישט געווען אויף אזא פראפעסיאנאלע שטאפל ווי עס האלט היינט אז מען מאכט ספעציעלע גראפיקס פאר יעדן קונטרס עקסטער, נאר מען האט איינמאל אויסגעשטעלט א דעקל פאר א קונטרס און יעדע קונטרס האט מען פשוט געטוישט דעם קעפל. א שטיק צייט צוריק האט מען אנגעהויבן א נייע מיסיע אז די אלע קונטרסים זאלן האבן א ספעציעלע קאסטום דעקל געאייגנט פאר דעם קונטרס, מען האט געארבעט שטייטליך, מען האט געענדיגט מיט איין קונטרס און געגאנגען צו א צווייטע, און יעצט האלט מען שוין אז רוב קונטרסים האבן שוין ברוך השם הערליכע דעקלעך דעזיגנירט ספעציעל פאר יענעם קונטרס.

וויפיל ארדערס פון ספרים ווערן באשטעלט א טאג, דורך מפיצים אדער וועבסייט קאסטומערס?

איבער גענוג... ברוך השם.

נחמן נתן בוים

פעקטארי מענעדזשער:

ווען ביסטו אריינגעקומען ארבעטן אינעם בית הדפוס?

ווען איך האב געלערנט אין ישיבה ביי די דרייצן א האלבע האט מען מיך אנגעטראגן צו קומען העלפן, מיין אמט איז געווען אינגאנצן אויפצוהייבן שמוץ פון דער ערד און ארויסטראגן די גארבעדזש, און מיין פעי-טשעק איז געווען אז איך האב באקומען א שליסל אריינצוגיין...

ווען האסטו אנגעהויבן ארבעטן נאך דיין חתונה?

נאך מיין חתונה האב איך געארבעט ערגעץ אנדערש, אבער איך פלעג נאך אלץ דא דארט ארויסכאפן צייט צו קומען העלפן דרוקן דעם רבינ'ס ספרים, דאס האט מיך אלץ געברענט, דרוקן ספרים וואס פארשפרייטן דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף דער גאנצער וועלט.

אזוי אויך ווען דער בית הדפוס האט געמופט בין איך געווען פארנומען יענעם גאנצן תקופה איינצופאקן און אויספאקן די מאשינען און אלעס ארום.

ווען איז די מערסטע פארנומענע סעזאן דורכאויס דעם יאר אינעם בית הדפוס?

עס זענען דא צייטן וואס מען איז מער פארנומען, אדער ווייניגער פארנומען. פון אנהייב זומער ביז סוכות איז גאר א פארנומענע צייט, גאר אסאך אינגעלייט וואס עס קומט זיי אן שווער צו גיין הפצה א גאנץ יאר, דורכאויס דעם זומער טרעפן זיי צייט ארומצוגיין מפיץ זיין די הייליגע ספרים. איך וואלט געזאגט אז אלול תשרי איז מען די מערסטע פארנומען, ווען סיי ראש השנה און סיי סוכות קומען ארויס דיקע יום טוב אויסגאבעס וואס נעמט לענגער צו דריקן, דעמאלטס איז א צייט וואס מען דארף ארבעטן מיט אן אויסערגעווענליכע שנעלקייט צו קענען נאכיאגן מיט די ארבעט.

יואל הכהן ראזענבערג

גרינדער און חבר הנהלה פונעם קרן הדפסה:

איך שפיר זיך אביסל שלעכט אויפצוהאלטן אזא פארנומענעם מענטש... איך וועל עס מאכן זייער אין קורצן. ווען איז דיר איינגעפאלן דעם רעיון פון עפענען א געהעריגע פעקטארי צו קענען דריקן דעם רבינ'ס ספרים אן קיין שטער?

גלייב מיר, איך קען דערציילן די מעשה וויאזוי דער חלום האט זיך אנגעהויבן און וויאזוי עס איז צושטאנד געקומען, דו דארפסט מיר אבער אויסהערן פאר אפאר טעג אדער אפילו וואכן דערפאר...

איך וועל דיר זאגן ווען עס איז געווען דער ערשטער מאל וואס מען האט גענומען שריט, זיך ארויפגעשארט די ארבל און אנהייבן ארבעטן דערויף. נאך א לענגערע צייט וואס עס האט מיר געברענט אז נאך אידן דארפן וויסן אז עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס פארשטייט מיר און קען

קרן הדפסה היכל הקודש

מיר העלפן, האב איך אפגעמאכט אז איך גיי אנהייבן דריקן ספרים פון מוהרא"ש, איך בין אריין צו א פרינטינג געשעפט אין מאנסי און אנגעהויבן דריקן ספרים. שפעטער איז דער עמעזאן פירמע אויפגעקומען מיט א נייע המצאה אז מען שיקט אריין די פייל פונעם ספר און זיי פרינטן עס פאר דיר, איך האב זיך שטארק צוגעכאפט דערצו און געדריקט גאר אסאך ספרים, בעיקר אשר בנחל. שפעטער האט מען זיך צאמגעזעצט וואס מען קען טון מיט די געפעפערטע פרייזן וואס עס קאסט אפ, זיי האבן געבעטן אכט דאלער א ספר (בימים ההם...), ביז מען איז אויפגעקומען מיט די גלעצנדע בייפאל אז מען וואלט געקענט עפענען אן אייגענעם בית הדפוס ווי מען וועט קענען אליין דריקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים אין די גאנצע וועלט, און ברוך השם מען האלט שוין דא אז מען קען שוין ממש נישט ציילן וויפיל גוזמאות פון ספרים און קונטרסים עס זענען שוין ארויס פון די פיר ווענט פון קרן הדפסה.

אלץ איינער וואס איז שוין דא געווען נאך איידער מוהרא"ש איז נסתלק געווארן, האט מוהרא"ש זי"ע דיר אמאל געזאגט א ווארט בנוגע דעם קרן הדפסה?

איך פלעג רעדן גאר אסאך צו מוהרא"ש וועגן דעם בית הדפוס. איין קליינע מעשה וואס עס קומט מיר יעצט ארויף אין זכרון, ווען מוהרא"ש איז געקומען אין ישיבה קוקן דעם בית הדפוס, געווען איז דאס הארט נאכן איבערמאכן און פארגרעסערן דעם חדר הדפסה, איז מוהרא"ש געווארן מורא'דיג איבערגענומען פון די מחזה הוד, א ריזן פעקטארי מיט מאשינען וואס קלאפן און האקן, מען דריקט דעם רבינ'ס ספרים אן קיין אפשטעל. האב איך זיך אנגערופן צו מוהרא"ש: "ווען ר' נתן וואלט געהאט אזא בית הדפוס וואלט ער זיך אזוי געפריידט!" האט מוהרא"ש זי"ע געענטפערט: "ווען ער 'וואלט' געהאט 'וואלט' ער זיך געפריידט?! ר' נתן פריידט זיך יעצט ווען ער זעט דעם בית הדפוס!"

זייער שיין. נאך איין מעשה מיט מוהרא"ש און איר זענט באפרייט...

דאס ערשטע מאל איך האב געדריקט אשר בנחל האב איך נישט געפרעגט קיין רשות, ווייל איך האב עס געדריקט צו פארקויפן אנליין. למעשה הוה מה דהוה און מען איז אנגעקומען מיט א טישל ספרי אשר בנחל אינדרויסן פונעם ליל שישי שיעור ביי מוהרא"ש, איך בין נישט געווען ביי יענעם שיעור, דורכאויס די גאנצע צייט פונעם שיעור האב איך זיך געביסן די ליפן ציטערנדיג וואס מוהרא"ש'ס רעאקציע וועט זיין... למעשה נאכן שיעור האט מוהרא"ש געזאגט פאר אפאר אינגעלייט: "זאג פאר יואל אז ער האט מיך געמאכט פרייליך!"

דעם קומענדיגן אינדערפרי רופט מיר מוהרא"ש אן און זאגט מיר: "יואל, איך בין זייער פרייליך, דו ווייסט פארוואס? ווייל ווען סתם א מענטש וועט געוואויר ווערן אז מען האט געדריקט זיין ספר אן רשות וועט אים עס באדערן, אבער ווען איך האב געזען אז דו האסט געדריקט אשר בנחל אן מיך פרעגן האב איך מיך געפריידט, נו, אז איך האב מיך געפריידט מוז זיין אז איך מיין עס לשם שמים, דעריבער בין איך פרייליך אז איך טו עס לשם שמים"...

אברהם הערש וועבערמאן

קרית ברסלב בלעטל ראדאקטאר

וואס האט דיר געשטיפט ארויסצוגעבן דעם ערשטן בלעטל?

אין די לעצטערע טעג פונעם ערשטן זומער וואס דער שטעטל שטייט האט דער ראש ישיבה אפגעשטאט א באזוך ביי אונז אין קרית ברסלב, אזוי שמועסנדיג אינעם אלטן שטאטישע שול אינעם בעיסמענט פונעם מנהל ר' אברהם משה, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז עס וואלט געווען א מורא'דיגע זאך ווען איינער זאל ווען ארויסגעבן א וועכנטליכע בלעטל ווי

עס וועט באריכטעט ווערן נייעס פון שטעטל, מעשיות פון תפלה פון אינגעלייט אין שטעטל, און אזוי ווייטער. דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז איך האב אפגעמאכט אריינצוטאנצן דערין, און ברוך השם מען האלט שוין דא ווען עס איז שוין לאנג נישט קיין בלעטל, עס איז שוין אן ערנסטע צייטונג, דער נאמען "בלעטל" איז פשוט געווארן א ברענד...

סך הכל, וויפיל שעה גייט אריין אינעם בלעטל?

צווישן אלע מיטארבעטער וואלט איך געזאגט, עס גייט אריין יעדע וואך א גוטע 50-60 שעה אינעם בלעטל אלעס צוזאמען...

אויב מען מעג פרעגן, וויפיל צאלט מען פאר א ראדאקציע מיטארבעטער?

ברוך השם אז אלע מיטארבעטער אינעם בלעטל טוען עס בחנם, און דאס קען נאר צושטאנד קומען ווייל יעדער האט איין ציל, יתגדל ויתקדש שמיה רבה! ווי מען קען גרעסער און שענער מאכן דעם אייבעשטנ'ס נאמען.

און טאקע צוליב דעם וואס די ראדאקציע ארבעט בחנם קען מען טאקע אנהאלטן דעם שפאט ביליגן פרייז פארן בלעטל, ממש מינימום וואס עס קאסט פארן קרן הדפסה צו דריקן, און נישט חס ושלום ארויסציען געלט פון אידן, איך גלייב שווער אז מען קען טרעפן אפילו נאך איין אנדערע אויסגאבע וואס וועט בעטן בלויז דריי דאלער א שטיקל...

בערי שניטצלער

פון די ראדאקציע אינעם בלעטל

וואס טוסטו אינעם וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל?

איך מאך בעיקר די קינדער אפטיילונג אינעם בלעטל. יעדע וואך איז דא אינעם בלעטל א ספעציעלע אפטיילונג געווידמעט פאר קינדער ווי מען ארבעט פיבערהאפטיג אויפצוקומען מיט שעפערישע געדאנקען אריינצולייגן אין די קינדער - דירעקט און אומדירעקט - אז ס'איז דא א באשעפער און נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן. דאס איז דער מטרה, און אויף יעדע זייט אינעם בלעטל דעליווערט מען די מעסעדזש אויף אן אנדערע וועג, צו עס זאל זיין א מעשה פון א צדיק, א חידה, א שפיל, א בילד אדער א שטיקל ספר המדות, און אזוי ווייטער.

וויאזוי ביסטו אריינגעדרייט געווארן אינעם ראדאקציע?

פאר צוויי יאר צוריק, זומער תשפ"ב איז ר' אברהם הערש וועבערמאן - ראדאקטאר פון קרית ברסלב בלעטל - צוגעקומען צו מיר פרעגן אויב איך וואלט געוואלט אביסל ארויסהעלפן אינעם בלעטל, מען האט דעמאלט געדארפט איינער זאל העלפן אויפטייפן מעסעדזשעס, מעשיות פון תפלה און א סעודה מיט דער ראש ישיבה, איך האב אנגענומען זיין פארלאנג נאכדעם וואס פאר א לענגערע תקופה האט מיר שטארק געבאדערט אז איך טו נישט גענוג פאר הפצה. דאס איז אין קורצן געווען מיין וועג אריין אינעם בלעטל.

א שטיק צייט שפעטער האט דער ראש ישיבה שליט"א אפאר מאל געזאגט פאר ר' אברהם הערש אז דער עיקר ציל פונעם בלעטל זאל זיין די קינדער, מען זאל פרובירן ווי מער זיך פארלייגן אויף די יוגנט. דעמאלט האט דער בלעטל גענומען א נייע סטראטעגיע פון ארויפארבעטן די קינדער אפטיילונג אויף אסאך העכערע שטאפלען, ברוך השם אז איך האב געהאט די זכיה עס צו ברענגען מכח אל הפועל.

אויב איך מעג פרעגן, דו ביסט דאך אויך א מלמד, וויאזוי קומסטו אן צו ביידע?

איך וועל דיר ענטפערן מיט א שטיקל עצתו אמונה: "אויב די כוונה איז טון פארן אייבערשטן - איז דא א ברכה אין די צייט."

אברמי צוויבל
מוזיק פראדוצירער אין ברסלב סטודיא

מיט יעדן הייב איך אן מיט דעם זעלבן שאלה, וויאזוי זיי זענען ארייגעקומען אינעם בילד, אבער איך מיין אז ביי דיר דארף מען עס נישט פרעגן, לויט ווי איך קען דיר איז דיין חלום אלץ געווען צו האבן א סטודיא, בין איך גערעכט?

לאו דווקא... איך האב אפשר גע'חלום'ט דערפון אבער עס איז נישט געגאנגען ווייטער, עס איז געבליבן ביים חלום... ערגעץ אינמיטן די פראצעדור פונעם אויפגעכאפטן אלבום "טאנץ מיט אמונה נומער 4" בין איך געווארן ארייגעשלעפט אין די פראצעדור, און אונזער באקאנטער ר' יואל הכהן ראזענבערג - דער קאפ און מוח פון יעדן פראיעקט וואס ווערט געטון בקהלתינו - האט אפגעמאכט אז מען מוז האבן אן אייגענעם סטודיא צו קענען ארויסגעבן אלבומס פון ניגונים וואס עפנט דאס הארץ צום אייבערשטן.

און אויף ר' יואל איז דא א ווערטל אז ער דארף אכטונג געבן וואס ער חלומ'ט ביינאכט, ווייל וואס ער חלומ'ט געשעט...

וועלכע ניגון פונעם ראש ישיבה האט די ערשטע גערעדט צו דיר?

ווען איך בין געווען א אינגל בין איך געזעצן אין מיין טאטע'ס קאר ווי עס האט געארבעט אויף ריפיעט דעם "פון יעצט" אלבום, איך האב עס גראדע נאכנישט אויסגעהערט פאר די דיבורים, איך האב עס נאר געוואלט הערן פאר די רייכע מוזיק און הערליכע ארעינדזשמענטס וואס פריילך בענד שפילט דערויף, אבער איינמאל מען הערט די ניגונים אפילו פאר אנדערע כוונות, גייען שוין די דיבורים אין הארצן אריין אומדירעקט...

און יעצט צום מיליאן-דאלערדיגע-שאלה: ווען קומט ארויס דעם קומענדיגן אלבום?

מען ארבעט פיבערהאפטיג אויף צוויי נייע אלבומס וואס זענען ערווארטעט ארויסצוקומען, מ'האפט מיר ווי אמשנעלסטנס.

אברמי אייזנער
הפצה פלאס דירעקטער

וואס טוסטו אינעם בית הדפוס?

שכח אייבערשטער איך האב די זכיה אנצופירן די "הפצה פלאס" אין קרן הדפסה. מיין ארבעט איז זיכער צו מאכן אז אלע אפטיילונגען אינטערן שירעם "הפצה פלאס" פארט אויף די שינעס. מען רעדט דא פון די וועבסייטס, ברסלב סענטער, ברסלב עניטיים, שאפ ברסלב, די עפפ, פילע פלאטפארמען וואו דער ראש ישיבה שליט"א'ס דיבורים ווערן געזען, און פיל מער... און דאס זענען נאר די קעפלעך וואס אין יעדע אפטיילונג איז דא א געוואלד פון ארבעט, צום ביישפיל אינעם וועבסייט דארף מען זיכער מאכן אז דער וואס איז געשטעלט אויף די נייעס טוט זיין ארבעט, און אזוי אויך די בריוון, בילדער, קליפס, שארטס, גליונות, חיזוק יומי, שיעורים, אודיא שיעורים, און פיל פיל מער...

וויאזוי ביסטו ארייגעדרייט געווארן דערין?

איך האב אלץ געהאט א געפיל צו טון עפעס פאר הפצה, אז איך קען נאכנישט ארומגיין אין די גאסן טיילן ספרים טאר איך נישט גיין הפצה? איך וועל טרעפן א וועג וויאזוי איך וועל אויך קענען עפעס טון נאך א איד זאל וויסן אז ער קען צוריק קומען צום אייבערשטן. און בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, ר' הערשל שניטצלער קומט דעמאלטס צו צו מיר פרעגן אויב איך וויל מנקד זיין בריוון פאר עצתו אמונה, און איך האב אנגעהויבן מיט דעם.

נאך מיין חתונה האב איך געארבעט אין א פלאץ, און איך האב דעמאלטס זייער שטארק געוואלט האבן די אודיא פון די שיעורים אבער אויפן וועבסייט איז עס קיינמאל נישט געווארן אפדעיטעד, און ווייסט דאך וויאזוי עס גייט דא ביי אונז, ווען מען פרעגט דער וואס איז ממונה דערויף איז ער דיר מכבד מיטן פולסטן רעספעקט עס איבערצונעמען... דעמאלטס האב איך עס איבערגענומען.

שפעטער האט דער בית הדפוס געזיכט איינער וואס זאל איבערנעמען און זיין אחראי איבער אלע עלעקטראנישע פלאטפארמען און אירע ארבעטער, שטיין אויף זיי די ארבעט זאל געטון ווערן און אויב עס מאכן זיך פראבלעמען זאל זיין צו

וועם צו רעדן, איך האב עס דאן איבערגענומען, א נאמען געגעבן "הפצה פלאס" און די רעשט איז היסטאריע

א רגע, איך כאפ מיך יעצט... איך האב שוין געכאפט א שמועס מיט אפאר אידן דא אין בית הדפוס און איך האב קיינעם נישט געבעטן צו זאגן א מעסעדזש פאר כלל ישראל... לאמיר הערן פון דיר וואס איז דיין מעסעדזש פאר כלל ישראל?...

יעדער יחיד דארף גיין הפצה, מען קען נישט זאגן אז יעדער דארף גיין אויפן זעלבן וועג, איינער גייט אזוי און איינער גייט אזי, אבער יעדער דארף טרעפן עפעס אין וואס ער איז גוט און זיך אריינלייגן ראשו ורובו דערינען צו קענען מקרב זיין נאך אידן צום אייבערשטן.

און אויך האב איך גרויס נייעס, די אלע אויבנדערמאנטע מפיצים וואס אפלאודן די אלע וועבזייטלעך און עפפס, קיינער האט זיי נישט מכבד געווען דערמיט, זיי זענען געקומען זיך אנטראגן צו העלפן, עס איז דא אן א שיעור ארבעט וואס מען קען נאך בעסער און שענער מאכן דעם רבינ'ס זאך, ווער עס וויל זיך אנטראגן צו העלפן קען זיך מעלדן.

אבער לייג מיך נישט אריין אין די קאטאגאריע פון אידן וואס זאגן מעסעדזשעס פאר כלל ישראל...

מושי עקשטיין
קול ברסלב האטליין

ווי מיר אלע געדענקען האט הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א אנגעפירט מיטן האטליין אלע יארן, וואס האט פאראורזאכט דו זאלסט עס איבערנעמען?

פאראיאר זומער איז דער ראש ישיבה געקומען באזוכן אין בית הדפוס, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט בדרך אגב, אז מען מוז אראפנעמען ארבעט פון ר' מרדכי, ער איז מנהל אין תלמוד תורה, ער האט צו סאך אויף זיין קאפ וואס נעמט אים אוועק פון חדר. דעמאלטס האב איך אנגעהויבן צוביסליך ארויסהעלפן דעם האטליין מער און מער, ארויפגעלייגט שיעורים, אינטערוויוס און נאך.

נאך דעם פארגאנגענעם ראש השנה האט מיר דער ראש ישיבה געשיקט אן אימעיל אז איך זאל איבערנעמען דעם גאנצן האטליין, דעמאלטס האב איך שוין מער וויניגער געקענט דעם גאנצן סיסטעם, און איך האב עס איבערגענומען בתוקף ובעוז.

קול ברסלב איז שוין א ברייט באקאנטע האטליין איבער די גארער וועלט, און אינעם האטליין איז שוין היינט דא אסאך חלקים. וועלכע חלק פונעם האטליין קומט אן די שווערסטע?

וואס זאל איך דיר זאגן?...אז מען מיינט דעם אייבערשטן איז גארנישט שווער.

מענטשן היינט גלייכן זייער צו הערן די נומערן, וויפיל מענטשן רופן אריין קול ברסלב חודש'ליך ?

די פונקטליכע נומערן ווייס איך נישט צו מען קען ארויסגעבן, אבער צענדליגע טויזנטער מענטשן א חודש רופן אריין צו הערן דעם רבינ'ס דיבורים.

יואל מנחם גרשון שניצלער
מנהל מכון עצתו אמונה

וויאזוי האט זיך אנגעהויבן אז דער ראש ישיבה זאל שרייבן בריוון?

דאס גייט צוריק א קנאפע אכט יאר צוריק, וישלח תשע"ו, ווען עס איז געווען הארט נאך מוהרא"ש איז אוועק און איך האב גענומען אויף מיר א מיסיע צו פארשפרייטן דער ראש ישיבה אין די גאנצע וועלט. נאך א לענגערע צייט טראכטן וואס ווען און וואו, איז אריינגעקומען דעם מחשבה פון שרייבן

בריוון, איך האב דאן געשריבן פארן ראש ישיבה א שיינעם אימעיל אז דער ראש ישיבה זאל אנהייבן שרייבן א בריוו איינמאל א וואך, און אז איך בין גרייט זיך וועקצוגעבן דערפאר, טייפן, ארומשיקן, דרוקן, פינטלען, אלעס פון א' ביז ת', כדי עס זאל צושטאנד קומען. פרשת ויקרא האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "געדענקסט נאך ווען האסט מיר פארגעשלאגן ארויסצוהעלפן מיט די בריוו? דו ביסט נאך מסכים דערצו?" איך האב געענטפערט אז יא, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז ער וויל שרייבן א בריוו יעדן טאג, און דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן די טעגליכע בריוון

און ווען האט זיך אנגעהויבן די שאלות ותשובות?

ווען ר' יואל ראזענבערג האט געעפנט דעם וועבזייטל האט ער געמאכט א קנעפל צו קענען שיקן א שאלה צום ראש ישיבה, צום ערשט האט דער ראש ישיבה נישט מסכים געווען אבער שפעטער האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן שרייבן שאלות ותשובות.

נאכן טון אזא הייליגע ארבעט פאר אזוי פיל יאר, וויאזוי ספּראוועסטו זיך מיט די חלישות הדעת וואס דער יצר הרע שיקט דיר זיכער אינטער?

א גוטע שאלה האסטו געפרעגט. יעדער מענטש האט אמאל חלישות הדעת, אבער מען קען נישט אריינמישן די חלישות הדעת אין די ארבעט וואס מען האט צוטון. אויב איך האב חלישות הדעת אויף עפעס אין היכל הקודש, זאל איך יעצט אויפהערן טון וואס איך האב צו טון? זאל איך אויפהערן ארויסגעבן עצתו אמונה? איך לייג די חלישות הדעת אין א זייט, מען וועט שוין צוריק קומען דערצו און עס מסדר זיין, און אויף דערווייל וועל איך ארויסגעבן נאך א קונטרס, נאך א ספר...

שמואל אייכנשטיין

מכון עצתו אמונה סעקרעטאר

וואס איז דיין ארבעט דא אינעם בנין?

ברוך השם איך האב די זכיה ארויסצוהעלפן מכון עצתו אמונה. מיין ארבעט רעכנט אריין פאנדרעיזינג, ראש המגיהים, שרייבן וואס עס פעלט זיך אויס פארן מכון און סיי וואס עס זאל נאר אינטערקומען.

וויאזוי ביסטו געווארן אריינגעדרייט דערין?

בטעות...

מיט כמעט צוויי יאר צוריק האט מכון עצתו אמונה געזוכט נאך א מגיה, און ר' ישעי' איידליס איז דעמאלטס צוגעקומען צו מיר זאגן אז ער האלט אז איך וואלט געווען פאסיג צו זיין א מגיה ווייל איך באמערק שנעל יעדנ'ס טעותים... און פון דארט איז עס געפארן ווייטער...

וואס קענסטו זאגן איבער די צוזאמארבעט פון קרן הדפסה און מכון עצתו אמונה?

וואס איך קען זאגן... ברוך השם מיר זענען דא פארן זעלבן ציל צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן פאר די גאנצע וועלט, דעריבער אז מיר האבן ביידע דעם זעלבן ציל קענען מיר ארבעטן צוזאמען, און מיר פרייען זיך זייער שטארק איינער מיטן צווייטנס הצלחה.

לייבי ראטה

קרן הדפסה פאנדרעיזער:

צום לעצט וויל איך פרעגן דריי שאלות פון דיר לייבי מקיים צו זיין דעם אחרון אחרון חביב... לאמיר הערן די השתלשלות וויאזוי דו ביסט ערוועלט געווארן צו קענען מזכה זיין אידן זאלן שטיצן אזא הייליגע פלאץ וואס שיינט אריין דעם רבינ'ס ליכטיגקייט ביי אזויפיל אידן איבער די גארער וועלט?

אלץ חתן איז ר' אשר יענקל בלום - מנהל קרן הדפסה - צוגעקומען צו מיר און דערציילט אז עס האט זיך געעפנט א פאזיציע אינעם קרן הדפסה, און אונזער באקאנטער ר' יואל הכהן איז אויפגעקומען מיטן רעיון מיר אויפצונעמען צו צאמנעמען צדקה פון אנשי שלומינו פארן קרן הדפסה. פאר מיין חתונה האב איך עס דורכגערעדט מיט דער ראש ישיבה און דער ראש ישיבה האט מיר גע'עצה'ט אנצונעמען דעם פארשלאג.

הגם איך האב געהאט גענוג א גרויסע אויסוואל פון אינדוסטריע'ס ווי איך וואלט רואיג געקענט אריינטאנצן און מאכן שווערע געלטער, מיט דעם אלעם האב

איך אלעס געלייגט אין א זייט צו קענען ארבעטן פאר רבי'ן, און שכח אייבערשטער אז עד היום הזה האב איך נישט חרטה דערויף און איך בין נישט גרייט אוועקצוגעבן די זכי' פאר כל הון דעלמא.

דער עולם וויל הערן אביסל סודות פון חדר, וואס זענען די קומענדיגע פלענער וואס מען פלאנירט אויסצובררייטערן דעם קרן הדפסה?

כסדר קומען צו פרישע רעיונות און חידושים וויאזוי מען קען שענער מאכן דעם רבינ'ס זאך, און ווער עס האלט מיט זעט טאקע אז דער בית הדפוס שלאפט נישט, יעדע שטיק צייט וואס גייט דורך טאנצט מען אריין אין פרישע פראיעקטן, אלעס מיט זעלבן ציל, צוריקצוברענגען נאך א איד צום אייבערשטן.

איינער פון די פלענער וואס ווערן זיך יעצט אויפן טיש איז אז מען פלאנט בעזר השם אנצוהייבן דריקן ספרים מיט הארטע דעקלעך, פארשטייט זיך אז דאס קאסט אפ א געוואלד פון געלט, די מאשינען און די געצייג וואס מען דארף האבן דערפאר, אבער נישט געזארגט, מיט אונזערע נדיבי עם, אנשי שלומינו וואס האבן אזא געפיל פאר הדפסת והפצת ספרי רבינו וועט נישט געדויערן לאנג ביז מען וועט אנקומען דערצו...

וואס איז די בודזשעט פונעם קרן הדפסה?

זייער גוט אז דו פרעגסט. ווייל רוב מענטשן וואונדערן זיך "פארוואס דארף די הדפסה געלט?" לאמיר דיר ווייזן די האר אויפשטעלנדע נומערן וואס טוט זיך אלץ אפ אין בלויז איין חודש אינעם בית הדפוס, וועסטו שוין געוואויר ווערן וואו דאס געלט גייט:

Payroll
26000

אריינגערעכנט: וועכנטליכע געהאלט פאר אלע ארבעטער אין קרן הדפסה היכל הקודש

Printers
7900

אריינגערעכנט: אלעס וואס קאסט פאר די פרינטערס צו קענען דריקן די ספרים, טאונערס, און נאך

Paper
4600

אריינגערעכנט: אלע ערליי פאפיר וואס ווערט גענוצט, שיינעדיגע און געהעריגע, דיקע און דינע

Proccesing CC
1200

אריינגערעכנט: די פראסעסער פאר אלע טראנזאקציעס

building maintanance
3200

אריינגערעכנט: שניידן די גראז, שארן די שניי, קלינינג, און אזוי ווייטער

Technicians
1000

אריינגערעכנט: די גיגאנטישע מאשינען אינעם פעקטארי דארפן כסדר'דיגע הילף ווען עס ווערט פראבלעמאטיש

Office Operating
2600

אריינגערעכנט: טעלעפאן סיסטעם, IT, פראגרעמס און סאפטווועירס וואס ווערט גענוצט אין אונזערע אפיסעס

Shipping
2000

אריינגערעכנט: די שיפינג קאסטן פאר די ארדערס פון מפיצים און וועכנטליכע גליונות פעקעדזשעס

Sforim And Books Outside
2250

אריינגערעכנט: זאכן וואס מען דרוקט אינדרויסן פון קרן הדפסה, א שטייגער ווי אשר בנחל און עצתו אמונה הארטע דעקל, אדער די מעשה'לעך ביכער

Fundraising expenses
2000

אריינגערעכנט: די מינימאלע קאסטן וואס עס קאסט אפ צו קענען ווייטער מזכה זיין אידישע קינדער מיטן געבן צדקה פארן בית הדפוס

Editing and layout
2100

אריינגערעכנט: גראפיקס און אויסשטעל פאר די ספרים און קונטרסים

Website
1000

אריינגערעכנט: וואס עס קאסט אפ צו האוסטן א וועבזייטל

Digital Media
1400

אריינגערעכנט: יו-עס-בי'ס, סי-די'ס, און



דאס גלייכן

אומגלויבליך. איך בין שאקירט פון די אסטראנאמישע ציפערן בלויז פון איין חודש. הגם איך האב געפרעגט פון יעדן דריי שאלות, דאך וויל איך דיר פרעגן א פערטע. איך בין זיכער אז נאך וואס אנשי שלומינו וועט זען די איבנדערמאנטע נומער וועלן זיי דיך רופן. אבער אויב איינער ווארט יא אז דער פאנדרעיזער זאל אים רופן, וואס קענסטו זאגן וויאזוי צו רעאגירן ווען א פאנדרעיזער רופט?

רוב מענטשן מיינען אז א פאנדרעיזער דארף איין זאך פון דיר, זאלסט אים זאגן "איך געב דיך יעצט טרי סיקסדי"... זייט מיר מוחל אז איך וועל אייך אפוועגדן, אבער עס איז נישט אמת, א פאנדרעיזער דארף טאקע איין זאך פון דיר, אבער עס איז נישט די געלט, עס איז 'מאך דיך וואוסענדיג'.

אן א שיעור מאל האב איך שוין געהאט ווען מענטשן האבן זיך מיר אנטשולדיגט פארן נישט אויפהייבן מיינע רופן פאר די לעצטע האלבע יאר צוליב דעם וואס ער האט נישט געהאט קיין גרויס געלט צו געבן. ווען א פאנדרעיזער רופט דיך, הייב אויף, אז דו האסט צו געבן זאלסטו געבן, אז דו האסט ממש אפאר דאלער זאלסטו דאס געבן און דער פאנדרעיזער וועט עס מורא'דיג מכיר טובה זיין, און אז דו האסט גארנישט צו געבן זאלסטו ווייטער אויפהייבן און אים זאגן אז דו האסט נישט. דאס איז די גאנצע.

עפילאג:

עס האט טאקע גענומען לענגער ווי געראכטן, אבער וואס איך האב צוגעזען איז ממש נישט צו גלייבן. א ריזן בנין מיט איבער א מנין אינגעלייט וואס זיצן און הארעווען פון צופרי ביז ביינאכט נאר צו קענען מער דריקן און מער פארשפרייטן דעם רבינ'ס דיבורים אין די גאנצע וועלט, איינער ארבעט העפטיג מיט די צען פינגערס מיט די מאשינען, א צווייטער זיצט אין אפיס און נעמט צוזאם געלט, א דריטער איז פארנומען אהערשטעלן דעם הערליכן האטליין, א פערטער אז פארנומען מיט עצתו אמונה, אלע זענען דא מקיים צו זיין די דריי ווערטער וואס רבי נתן האט געזאגט בשעת מען האט אים ארעסטירט פארן דריקן דעם רבינ'ס ספרים: "הפצה הפצה הפצה".

דער ראש ישיבה האט שוין געשריבן אן א שיעור מאל אין עצתו אמונה, אז אויב איינער קען נאכנישט גיין הפצה, דורכן שטיצן דעם הייליגן קרן הדפסה האט מען א גלייכע חלק אין אלעס וואס ווערט געטון אינעם בית הדפוס. מיר וועלן ציטירן איינע פון די בריוון ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט דערוועגן, כ"ו אב תשפ"ב לפ"ק: "נישטא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי דער וואס ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן. אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (תרומה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קום און זע, זאגט דער הייליגער זוהר: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון די וועלט, ער מאכט אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף די וועלט און ער איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קיינער קען אים נישט שלעכט'ס טון - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּידֵיהּ", ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן, עיין שם.

און דער ראש ישיבה לייגט צו: "די אלע וואס האבן ארויסגעהאלפן קויפן דעם נייעם בנין פאר'ן "קרן הדפסה" - האבן א חלק אין אלעס גוטס צו וואס אידישע קינדער ווערן נתעורר דורך די ספרים, קונטרסים וכו' וכו'."

און דער ראש ישיבה שרייבט ווייטער: "וואויל איז דיר אז דו האסט גענומען א חלק אינעם נייעם בנין אין שטעטל, דו האסט גענומען א חלק אינעם "אבני היסוד". אין דעם זכות זאלסטו זוכה זיין צו שפע, ברכה והצלחה, און שטענדיג בלייבן מיט'ן געפיל צו העלפן דעם רבי'ן."

לאמיר זיך אלע אנשליסן ארויסצוהעלפן דעם קרן הדפסה, פון ווי עס גייט ארויס די מאסיווע, ברייטפארצווייגטע הדפצה פון שווערע טויזנטער ספרים, קונטרסים, גליונות, און פיל פיל מער, וואס דערקוויקט אזויפיל צענדליגער טויזנטער אידישע הערצער, מענער, פרויען און קינדער, און שיינט אריין א ליכטיגקייט אין אומצאליגע אידישע הערצער. און אין דעם זכות וועלן מיר זיך איינהאנדלען די אומשאצבארע זכותים פון הדפסת והפצת ספרי רבינו, וואס וועט אונז באגלייטן לעולמי עד ולנצח נצחים.

חודשליכע בודזשעט

פעיראלל
$26,000

טעקנישנס
$1,000

מעינטענענס
$3,200

פאפיר
$4,600

פראסעסינג
$1,200

פרינטערס
$7,900

אפיס
$2,600

*sruliHeskel

מיין חלק
הפצה
קרן הדפסה קאמפיין תשפ״ה

אינקאם	
בלעטל עדס	$2,150
סובסקריפשאנס	$2,500
מפיצים	$13,375
טאטאל	$18,025

עקספענסעס	$57,250

חודשליכע דעפיסיט
$39,225

אנשי שלומינו זענען פאראייניגט
צו ראטעווען די קרן הדפסה

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

שיפינג	$2,000
ספרים און ביכער	$2,250

פאנדרעיזינג	$2,000
עדיטינג און לעיאוט	$2,100
וועבסייט	$1,000

יו.עס.בי. און סידי'ס	$1,400

מחשבה

די רעצעפט

פ. טראכטער

דינסטאג אינדערפרי עלעף אזייגער. די הויז איז שוין ברוך השם צוזאמגערוימט, די בעטן געמאכט, די פרישטאג פארפאקט. איך האלט שוין נאך ברכות און פת שחרית (זארגט נישט - נישט יעדן טאג איז אלעס אזוי מסודר, נאר פונקט היינט...) און איך גרייט זיך ארויסצוגיין ערלעדיגן אפאר זאכן.

און אט קלינגט די טעלעפאן. א שנעלע בליק אויפ'ן איי. די. ווייזט מיר אז מיין חבר'טע רייזי רופט מיר.

"א גוטן רייזי," באגריס איך איר העפליך.

מיר שמועסן אפאר מינוט און רייזי גייט צו צום ענין פארוואס זי האט מיר גערופן.

"אסתר איך געדענק אז דו האסט געהאט א געשמאקע רעצעפט פון א היימישע פיצא. איך וויל עס פראבירן."

נו זייער גערן, א גרינגע חסד. איך גיי צו צום שאנק ווי עס ליגן די רעצעפטן, איך נישטער אהער און אהין און אט טרעף איך די געזוכטע רעסעפי. יא עס איז טאקע זייער געשמאק, דאס איז א רעסעפי וואס מיין מאמע פלעגט אפט מאכן.

איך הייב אן פארליינען און רייזי שרייבט.

מעל

3 אונסאס פרישע הייוון

¼ גלאז צוקער

¼ גלאז שמן זית

½ גלאז וואסער

דערנאך געב איך איר די אנווייזונגען, וויפיל צו קנעטן, וויפיל צו ווארטן און אזוי ווייטער.

איך האב איר אויך צוגעגעבן די רעסעפי פון די ספעציעלע סאוס, וואס מאכט אייגנטליך די רעצעפט אזוי געשמאק.

איך האב איר מסביר געווען אז מען דארף דינסטן די צוויבל מיט די קנאבל פאר 15 מינוט, דערנאך לייגט מען צו די טאמאטא סאוס מיט אביסל ציקער און געווירץ ספעציעלע געווירצן וואס עס לוינט איינצוקויפן. מען לאזט עס קאכן פאר בערך א האלבע שעה, דערנאך גיסט מען עס ארויף אויף די פיצא. צום סוף האב איר אויך געגעבן אנווייזונגען אז זי זאל דוקא קויפן א געוויסע סארט קעז וואס געט צו א ספעציעלע פיינע טעם צו די פיצא.

"עס איז אביסל א טירחה, עס נעמט צייט די גאנצע שפיל," בין איך איר מסביר, "אבער עס לוינט. די פיצא קומט ארויס ספעציעל געשמאק און דיינע קינדער וועלן נאר בעטן מער דערפון."

רייזי האט אלעס פארשריבן, מיר באדאנקט און מיר האבן אראפגעלייגט.

איך בין ארויס אין גאס, ערלעדיגט וואס איך האב געדארפט, און זיך שנעל צוריקגעיאגט צו זיין צייטלעך אפצונעמען מיינע אוצרות פון זייערע באסעס.

ערגעץ צווישן בארואיגן איין קינד און אויסגראדן א געפעכט פון א צווייטן, האט זיך דער טעלעפאן ווידער צוקלינגען.

רייזי.

בעצם וואלט איך נישט אויפגעהויבן אין אזא צייט, איך בין געווען פארנומען מיט די קינדער, איך האב נאר געקלערט אז אפשר דארף רייזי עפעס פון די אנווייזונגען וואס איז איר נישט קלאר געווען, דעריבער האב איך יא אויפגעהויבן.

רייזי האט אויסגעזען אנטוישט. "אסתר, זיי מיר מוחל, איך זע נישט די גליק מיט די פיצא רעצעפט. עס ברעקלט, עס איז א זיסע טייג, מער ענליך צו א פאנקע פון חנוכה... די סאוס איז עפעס אזוי רינעדיג און אן א טעם, עס איז ארויס זייער אומגעלונגען."

איך האב זיך אביסל געוואונדערט. די רעצעפט איז שוין מקובל ביי אונז כמעט ווי א מסורה. מיין מאמע פלעגט דאס מאכן פאר אונז אלע קינדער און איך מיט מיינע שוועסטערס מאכן שוין די רעצעפט כאטש צען יאר, און עס איז אויסנאם געשמאק.

"זאג מיר, רייזי, האסט אויסגעפאלגט אלע אנווייזונגען?" האב איך געוואלט דערגיין.

"אוודאי," זאגט מיר רייזי, מיט א טאן פון באליידיגונג, "אויב איך האב זיך מטריח געווען דיר אנצורופן הערן די רעצעפט, האב איך זיך אנגעשטרענגט עס אויסצופאלגן."

איך שלעפ ווידער ארויס די רעצעפט און ליין איבער הויעך.

"3 אונסאס פרישע הייוון?"

"איך האב נישט געהאט פרישע האב איך גענוצט די טריקענע. דו האלטסט טאקע עס מאכט א חילוק?" פרעגט רייזי.

"איך ווייס נישט," זאג איך, "איך האב נישט פראבירט."

איך ליין ווייטער.

"1/4 גלאז צוקער?"

"יא."

"¼ גלאז שמן זית?"

"איך האב נישט געהאט שמן זית אין שטוב, איך האב גענוצט איינפאכע אויל. אבער איך גלייב נישט אז דאס מאכט א חילוק."

"איך ווייס נישט." האב איך געזאגט, און די בילד ווערט שוין קלארער.

"1/2 גלאז וואסער?"

"איך האב געלייגט גרעיפ זשוס אנשטאט וואסער ווייל איך האב נישט געוואלט די טייג זאל זיין המוציא." (נעמט דאס נישט אן פאר א פסק הלכה...)

"אהא..."

אויך ביי די אנווייזונגען האט רייזי געמאכט "אביסל אנדערש" ווי איך האב איר געהאט פארגעליינט. "אבער עס מאכט נישט אויס?" האט זי כסדר געפרעגט\געזאגט.

איך ווייס נישט - אדער אפשר ווייס איך שוין יא.

ביי די סאוס האט רייזי נישט געדינסט די צוויבל און קנאבל. אויך האט זי צוגעלייגט וואסער ווייל עס האט אויסגעזען צו ווייניג סאוס. אויך האט זי עס געקאכט 15 מינוט אנשטאט א האלבע שעה.

און די ספעציעלע געווירצן האט זי אויך נישט געלייגט ווייל עס איז געווען א שאד איינצוקויפן די געווירצן וואס זי וועט ממש נישט נוצן.

א גוטע טענה, אבער נישט גוט פאר די רעזאלטאט פון די רעצעפט.

אה, און די קעז האט זי געלייגט אמעריקאנע קעז, ווייל זי האט פארגעסן צו קויפן די וואס איך האב איר אנגעזאגט.

צום שלוס פרעגט מיר רייזי, "איז וואס האב איך נישט גוט געטון?"

איך האב זיך צולאכט, "קוק אהער רייזי. דו האסט נישט געמאכט מיין רעצעפט... דו האסט געמאכט דיין אייגענע רעצעפט... די רעצעפט וואס איך האב דיר פארגעליינט - דאס ארבעט! דאס קומט ארויס געשמאק. אז מען טוישט נאר דאס און נאר יענץ, זעסטו שוין די פירות..."

רייזי האט געזיפצט, "שוין א כפרה..." מיר האבן גערעדט נאך צוויי מינוט און דערנאך האבן מיר אראפגעלייגט.

איך בין צוריק צו מיינע קינדערלעך און צו מיינע פליכטן אבער מיין מח איז געבליבן ביי די דורכגעפאלענע רעצעפט.

'אויך אין לעבן איז אזוי.' האב איך געקלערט צו זיך.

מען וויל מצליח זיין מיט די קינדער, מיט שלום בית, מיט עבודת המדות, עבודת ה'. און מען הערט רעצעפטן פון אן ערליכע איד.

ער לערנט אונז וואס איז ריכטיג, וואס איז וויכטיג, וואס מען טאר נישט, וואס מען מעג, און וואו און אויף וואס, מען זאל שטעלן א שטארקע דגוש.

אבער צומאל כאפט זיך אריין א ווארעם פון עץ הדעת און איך קלער אז איך פארשטיי' אליינס.

"איז אזא פראבלעם אריינצוברענגען א טעלעפאון אין שטוב?"

"איז צניעות פאר א דריי יעריג מיידל טאקע אזוי וויכטיג?"

"איז אזוי וויכטיג אכטונג צו געבן אויף מיין שלום בית?"

און מען קלערט פון אנהייבן טוישן אביסל דעם רעצעפט. אביסל מער צוקער, אביסל ווייניגער אויל...

אבער אז מען טוישט די רעצעפט, קומט עס ארויס אומגעלונגען. און מען וואונדערט זיך פארוואס? איך האב געפאלגט...

אבער נאר ווען מען פאלגט די אנווייזונגען פונקטליך קומט ארויס א פיינע געבעקס.

מוהרא"ש זי"ע דערציילט אז א פרוי איז אמאל אריין צום סטייפלער גאון זי"ע און זיך זייער צעוויינט אז אירע קינדער פירן זיך ליידער נישט ערליך. וואס קען זי טון?

האט איר דער סטייפלער זי"ע געפרעגט אויב זי איז מקפיד אויף נעגל וואסער. ווען די פרוי האט ליידער מודה געווען אז נישט. האט זיך דער גאון געוואונדערט, "וואס ערווארט איר?" אויב די הויז איז פול מיט טמאה און אלעס וואס מען כאפט אן ווערט טמא, וויאזוי איז מעגליך עס זאל רוען קדושה אין אזא שטוב.

עס לאזט זיך גלייבן אז די פרוי איז געווען אן ערליכע. זי איז דאך געווען אזוי צובראכן אז אירע קינדער זענען נישט ערליך און זי איז געקומען צום רב זיך אויסוויינען.

זי האט נאר אביסל "געטוישט די רעצעפט". זי האט אפשר געטראכט אז נעגל וואסער איז נישט פון די וויכטיגע יסודות... זי האט זיך אפשר פארלייגט אויף זאכן וואס איר שכל האט איר מיטגעגעבן.

אבער דאס איז נישט ריכטיג... נעגל וואסער, רעדן אידדל, לעבן בשלום, כיבוד אב ואם, צניעות, זיך שערן, דאס איז אלעס א חלק פון די רעצעפט און מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו שניידן.

אין אדם שומע לי ומפסיד - עס איז נישטא דער מענטש וואס האט צוגעהערט צום קול פון צדיקים, פון תורה און האט דערלייגט. מיר דארפן הערן - אננעמען און פאלגן די אנווייזונגען.

אונזערע דורות זענען א רעצעפט וואס מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו פארשפילן.

שיינער אין גאמען

ש.ל. פליישמאן

צו הערן די גאנצע שיעור רופט:
1-212-444-9169-2-3-1-170
(א״י 079-70-400-70)

טאנץ און זינג
וועט דיר ווערן גרינג...

אה! פונעם הייליגן רבי'נס קוואל געקומען טרינקען,
מיט דארשט די קלארע וואסער געשלונגען.
״עס וועט ווערן בעסער״ האט דער ראש ישיבה געזונגען,
מיט א פרייליכע קאזאטשקע זינג און טענץ געשפרונגען...

געשפילט האט די סעקסעפאון אינסטרומענט,
טאפן די פרייד אין די לופט מען האט געקענט.
״רעד צום באשעפער, עס וועט דיר ווערן בעסער״
עפענען וועט זיך פאר די אלע שווערע שלעסער...

די כח פון ערליכע נגינה איז נישט צום שאצן,
עס קען דיר ברענגען צו די שענסטע פאלאצן!
אבער נגינה פון נישט גוטע פלעצער,
פאר'סמ'ט טראפנסווייז ריינע הערצער...

זינד און אינדערהיים ניגונים הייליג און פרייליך,
עס וועט משפיע זיין אויף דיין גאנצע הלוך ילך.

קויף א גוטע ספיקער, עס איז ווערד זיך אנצושטרענגען,
עס וועט דיר צום באשעפער מער נאנט ברענגען...

הער מוזיק ווען דו וואשסט די געשיר,
זינג: ״באשעפער איך זינג צו דיר״.
דאנק דעם אייבערשטן אויף דיין פארמעגן,
פרישע כוחות וועלן דיר קומען אנטקעגן!!!

פיין און וואויל, שאפינג, קליידער אויסשטאפירן,
קאנטעינער'ס, קלאזעט'ס, די הויז ארגאנעזירן...
אבער פארוואוס נאר אויף די ערד שפאצירן?
ווילסט דאך דעם ״אייבערשטן״ אויך שפירן!

דו קענסט אויך טון ווי די צדיקים,
שפאצירן אין הימל, טעם ערבים ומתוקים.
לעבן מיטן אייבערשטן - די גרעסטע פארגעניגן,
השראת השכינה דורכ'ן הערן א פרייליכע ניגון!

קינדער בלעטל

פרישע קאלום:
גאב א שמייכל

באקענט אייך מיט אייער נייע

משפחה מיטגלידער

אנגעהויבן קומענדיגע וואך אי"ה

מעשה'לעך פאר קינדעלעך

פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי הִינְט

"הָאוֹ! הָאוֹ הָאוֹ!!!" דִי הִינְט הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבִּילְט אָן אוֹיפְהֶער, "הָאוֹ! הָאוֹ הָאוֹ!!!"

גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ מַחֲנֶה הִינְט, זַיי הָאבְּן אַרוּם גֶענוּמֶען דִי וָואגְן אוּן גֶעבִּילְט, בִּיז דִי וָואגְן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָּארְן, דִי הִינְט זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן גֶעשְׁרִיגְן "הָאוֹ! הָאוֹ!"

בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין הֵיילִיגֶע קָאפּ פוּנֶעם וָואגְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי הִינְט: "אִיךְ וֵוייס, אִיךְ וֵוייס; אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיר זֶענְט..."; וֶוען דִי הִינְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זַיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ לוֹיפְן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶעקֶענְט פָּארְן

יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַרִיבֶּער גֶעפָּארְן דֶעם וֶועג אוּן דִי הִינְט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעבִּילְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, זַיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶעם וָואגְן פָּארְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין קָאפּ אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַמָאל דָא אוֹיף דֶעם וֶועג אוּן הִינְט הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבִּילְט, הָאט דֶער רֶבִּי זַיי גֶעזָאגְט 'אִיךְ וֵוייס, אִיךְ וֵוייס; אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיר זֶענְט', אִיךְ זָאג עֶנְק, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט"; וֶוען דִי הִינְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט זֶענֶען זַיי אַלֶע אַוֶועקְגֶעלָאפְן

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין פֶעלְד אִין אַ וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען גְרוֹיסֶע הִינְט, זַיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בִּילְן, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיי אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן הִינְט הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבִּילְט, הָאט דֶער רֶבִּי זַיי גֶעזָאגְט 'אִיךְ וֵוייס, אִיךְ וֵוייס; אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיז זֶענְט' אוּן אַלֶע זֶענֶען אַוֶועקְגֶעלָאפְן, שְׁפֶּעטֶער אִיז זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין וֶועג אוּן הִינְט הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי הִינְט 'אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט', אוּן אִיךְ זָאג עֶנְק הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט, אִיךְ וֵוייס טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אִיךְ הֵייבּ נִישְׁט אָן צוּ וִויסְן", אוּן דִי הִינְט זֶענֶען אַוֶועק גֶעלָאפְן

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אִים זִיכֶער אַז בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען דִי הִינְט אַנְטְלָאפְן, אַנְדֶערְשׁ וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְלוֹירְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין פֶעלְד, אִין אַ וַואלְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וָואס קֶען עֶר טוּן וֶוען דִי הִינְט נֶעמֶען אִים אַרוּם? נָאר אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן - אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט, דָאס אִיז אַ גוּטֶע סְגוּלָה וֶוען מֶען וִויל פָּטוּר וֶוערְן פוּן הִינְט, זַיי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמֶען עַזוּת פֶּנִים'עֶר וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן הִינְט, אַז מֶען וִויל פָּטוּר וֶוערְן פוּן זַיי זָאלְן מֶען רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן - וֶועלְן זַיי אַלֶע אַנְטְלוֹיפְן



אִיךְ וֵייס טַאקֶע גָארְנִישְׁט

דעם רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?



ענטפער פון פאריגע וואך:

ישמע בזיונו ידום וישתוק!

ברסלב'ע חידות

דער רבי זאגט: מען דארף זיך נישט מבלבל זיין פון גארנישט, ווי מען טוט טוט מען, אבי מען טוט נישט

א. וואס מען וויל
ב. גארנישט
ג. אויף
ד. קיין שלעכטס

ענטפער פון פאריגע וואך:

דער הייליגער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!

געב א שמייכל

**פארוואס זענען הויכע מענטשן אויסגערוט?
ווייל זיי זענען די לענגסטע אין בעט...**

געברענגט צו אייך דורך: ר' אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

טז. כְּשֶׁמְּחָרְפִין אוֹתְךָ וְאַתָּה שׁוֹתֵק, תִּזְכֶּה לְהָבִין תֵּרוּץ עַל קֻשְׁיוֹתֶיךָ, וְתִזְכֶּה לְרוּחַ בִּינָה.

אוֹיב וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַ תֵּירוּץ אוֹיף דַיינֶע קַשְׁיוּת, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע פַארְשְׁטַאנְד.

שרייב טישל

טרעף די וועג

בעט דעם אייבערשטן זאלסט קענען זיין אין אומאן ראש השנה!



טרעף די ווערטער

ט	א	נ	ק	ו	מ	ע	נ	ד
ס	מ	ד	ק	צ	ז	ו	כ	ה
ב	צ	ע	ל	ז	צ	ט	ח	ל
נ	נ	ר	נ	כ	א	ח	ט	ת
ע	צ	מ	י	א	ק	ל	מ	פ
א	ד	א	ו	מ	א	נ	נ	ל
י	ח	נ	ו	כ	ה	א	מ	ש
י	ב	ע	ו	י	א	ש	ס	ז
ב	ע	נ	ש	ל	כ	ס	נ	י
ע	ט	ה	ז	י	י	נ	א	ה
ר	נ	ת	פ	י	ל	ו	ת	ע
ש	א	ג	ו	ר	פ	ו	ש	ו
ט	נ	ז	צ	א	י	י	כ	ו
נ	מ	א	ו	ש	ו	ל	מ	נ
ר	ב	נ	ר	י	א	ר	י	ע
ק	י	ד	ב	ל	מ	ב	נ	ב
א	ע	ע	י	ר	ר	י	ס	א
ג	ו	מ	י	ח	י	ו	ט	ה
ג	ח	מ	מ	ז	נ	ג	צ	ר

אזוי אויך וויל איך אייך דערמאנען צו בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה; אין אומאן קען מען נאר אנקומען מיט אסאך תפילות.

(עצתו אמונה מט"א תשע"ח)

יחזקאל שרגא דעפריס



אליעזר שלמה
טייטלבוים



יושע שטיינבערג

אליעזר ראטה

משפחת פריעדמאן

שמעון זינגער, שלמה
סאלז ,יונתן לעזער, הערש
מיילך לעזער, נחמן נתן לעזער

11

דער אוצר אויפן באן

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש לי"ע

פאַרזעצונג פון פאריגע וואך: מוהֲרָא"ש ז"ע מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ בַּיים מִילִיטֶערִישְׁן דָאקְטֶער, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אִין מִילִיטֶער.

געצייכנט מיט רשות פון שיר ברסלב

געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

א וועג אהיים פון מלוה מלכה צוגעשטעלט דורכן בית התבשיל

קרעדיט: יוסי פררוויא

צאמקום ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים פאר די דרייווערס פון די מוסדות

אלע בחורים פרייען זיך מיט החתן אשר ראנד נ"י

קרעדיט: יוסי פררוויא

דער ראש ישיבה שליט"א ביים געבן מזל טוב פאר החתן אשר ראנד ני"ו

קרעדיט: יוסי פררוויא

זיצונג פון אלע גבאי היכל הקודש ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים

מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו ביים אריינלייגן אינעם סיסטעם די סכומים פון די נדבנים

עס קומט אן פרישע פראדוקטן ביים נייעם בית התבשיל לאקאציע

די בחורים ביים מאכן הבדלה

קרעדיט: יוסי פרערויא

מען ענדיגט צו די מאלדינגס אין היכל ראזענבערג

קרעדיט: יוסי פרערויא

מען גייט איבער דעם חלף ביים דיין שטיבל

גבאים מיטינג איבער קומענדיגן שמחת תורה
תשפ"ה אין שטעטל

מו"ה יואל שניצלער הי"ו יו"ר מכון עצתו אמונה

מו"ה ישעי איידליס הי"ו

מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו ראש וראשון לכל דבר שבקדושה טרעט אויף ביים הכרת הטוב זיצונג
מיט אלע וואס שרייבן, רעדן, דרוקן א גאנץ יאר, אין בית הדפוס קרית ברסלב

דער דיין שליט״א ביים רעדן אפאר דיבורים נאך איכה

קרעדיט: שלמה האממער

הרב ברוך יודא שניטצלער דערציילט זכרונות מהרה״ק מסאטמאר זי״ע, און נאך צדיקים זי״ע

תשעה באב אין היכל הקודש האשקי

תשעה באב אין היכל הקודש בראכפעלד

קרעדיט: זלמן וויזל

תשעה באב אין היכל הקודש אלעד

קרעדיט: נח לוין

תשעה באב אין מחנה אילן החיים

קרעדיט: יוסי פרערויא

תשעה באב אין היכל הקודש קרית יואל

קרעדיט: נפתלי זאבעל

דער ראש ישיבה אין א שמועס מיטן מגיד שיעור מו"ה יוסף שניצלער הי"ו

א שמועס פון מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

קרעדיט: שמעון פיש

נייע סיין ביי ביהמ"ד היכל הקודש אין בני ברק

קרעדיט: איציק

דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויסטיילן ספר 'אשר בנחל אידיש' פאר די תורמים פונעם ספר

דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויסטיילן ספר 'אשר בנחל אידיש' פאר די תורמים פונעם ספר

קרעדיט: יוסי פרערויא

קידוש לבנה ביים ביהמ"ד היכל הקודש אלעד

קרעדיט: נח לוין

קידוש לבנה ביים ביהמ"ד ליקוטי מוהר"ן

קרעדיט: שמעון פארטוגאל

אויספאסטן אין ביהמ"ד פעולות הצדיק

קרעדיט: יוסי פרערויא

לחיים פון הבה"ח יהושע סופר ני"ו

קרעדיט: שמעון פיש

א שפאציר מיט די בחורים

קרעדיט: שמעון פיש

מו"ה אהרן פיש הי"ו ביים אויסטיילן שווים בעגס מיט די אנשי חיל לאגא

קרעדיט: שמעון פיש